בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת מִקֵּץ

281

תשפ"ג

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע״י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי דַארְף מֶען אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָ"אש? ....................... א
אוֹיבּ רֶעד אִיךְ לָשׁוֹן הָרָע, פַארְלִיר אִיךְ אַלֶע מַיינֶע מִצְוֹת? ....................... ג
דְרוּקְן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָ"אש בְּרֶענְגְט אוֹיךְ יְשׁוּעוֹת? ....................... ד
פַארְוָואס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן? ....................... ו
וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין וַוייבּ מִיטְהַאלְטְן דִי הֲכָנוֹת צוּ קִידּוּשׁ? ....................... י
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין מַאן זָאל וִויסְן אַז אִיךְ הַאלְט פוּן אִים? ....................... יג


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה טוֹבָה, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ ....................... א
פַאר אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אִיז גְרִינְגֶער צוּ גֵיין הֲפָצָה ....................... א
מַאךְ נִישְׁט קַיין נֵייעֶ זַאכְן, גֵיי הֲפָצָה מִיַּד לְיַד ....................... ב
נָאר אֵיין זַאךְ דַארְף אִיךְ, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע חִינוּךְ ....................... ג
הַקְדָמָה צוּם סֵפֶר "שְׂפָתַי תִּפְתָּח" ....................... ד
וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, אִיז גוּט אַזוֹי צִי אַזוֹי ....................... ו
נָאר דוּ טְרַאכְסְט אַז מֶען דַארְף דִיךְ נִישְׁט? ....................... ז
רֵייכֶערְן פַאר אַ פְּרוֹי אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּרִיצוּת ....................... ח
נֶעמֶען אַ פְלַאץ פַאר אַ שׁוּל אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא קַיין מִנְיָן ....................... ט
עֶס לוֹינְט זִיךְ אַוֶועקְצוּגֶעבְּן דִי מָאדֶעס, כְּדֵי צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת ....................... י
אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְּנְט אַ דְזְשִׁים אִין שְׁטֶעטְל ....................... יב
רַייס נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבְּ'ס אֵיידֶלְקֵייט אוּן צְנִיעוּת ....................... יג
רֶעדְן נָאר דִיבּוּרִים וָואס מֶען לֶערְנְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ....................... טו
דִי פְּרוּטוֹת צְדָקָה בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ ....................... טז

הֶעכֶערְן דִי גֶעהַאלְט פוּן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט ............................................ יז
פְרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער וֶוערְט מֶען פַארְשֶׁעמְט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט ........................ יח
גֵיי הֲפָצָה צוּ אַלֶעמֶען, אָבֶער פַארְלֵייג זִיךְ אוֹיף פְרוּמֶע אִידְן ........................ יט
הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל לִיבּ הָאבְּן שַׁבָּת ........................................ כ
אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז וִוי עֵשָׂו, קֶען מֶען נוּצְן דֶעם קוֹל קוֹל יַעֲקֹב ........................ כ
טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבּ ..................................................................... כב
אִין בֵּית פֵּיגָא אִיז הֲלָכָה זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע שִׁיעוּר ........................................ כג
וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן וואו צוּ וואוֹינֶען? .................................................. כד
טְרַייבְּט אַרוֹיס אַלֶע נֶעגֶעטִיוֶוע מַחֲשָׁבוֹת .................................................. כה
מִיט אַבִּיסְל חָכְמָה קֶען אַ פְּרוֹי מַאכְן דָאס לֶעבְּן פַאר אַ גַן עֵדֶן ........................ כו
זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְן .................................. כז
נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ בֶּעטְן אַ קוּרְצֶע תְּפִלָה בַּיי דִי מְזוּזָה .................................... כח
נִישְׁט רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ מִיט אַ שְׁטֶעךְ ....................................................... כט
זָאגְן נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, וֶועט דָאס קִינְד זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק ........................ ל
דִי זַאךְ פוּן סֶעקִירְן דִי וַוייבּ נָאכְאַנַאנְד, אִיז אַ שִׁגָעוֹן ...................................... לא
וִוי אַזוֹי אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן דֶעם מִנְיָן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת ......................................... לב
אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, אִיז גוּט פַאר דִי קִינְדֶער .................................... לג
מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ וִויסְן וואו צוּ וואוֹינֶען ........................ לד
וִוי אַזוֹי מֶעג מֶען הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן פַאר דִי אַרְבֶּעט .................................. לה
וִוי אַזוֹי דִי מוֹסְדוֹת הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן .................................................. לה
פַארְוָואס רֶעדְט מֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב? ........................................................... לז
דֶער וָואס דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּט אַ גַן עֵדֶן לֶעבְּן ................... מ
נִישְׁטָא אַ גֶעוִויסֶע פְּלַאץ וואו מֶען דַארְף זַיין שַׁבָּת חֲנוּכָּה ................................ מא
וִויפִיל צַייט גֵייט דִיר אַוֶועק אַ טָאג פוּן קוּקְן נָאר דָאס אוּן נָאר יֶענְץ? .................. מא
לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פַאר אַ יוֹם טוֹב ......................................................... מב
אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ ......................... מג
דֶער עִקָר אִיז טוּן דִי מִצְוֹת מִיט אַ שִׂמְחָה, מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט ........................... מד
אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן דִי מִצְוֹת פְרֵיילִיךְ, וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי מִצְוֹת... מה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וִוי אַזוֹי דַארְף מֶען אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָּאָה אַן הַבְטָחָה, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר אִין יַבְנְאֵל אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים "אָן קַיין הֶפְסֵק" - וֶועט עֶר זֶען אַ יְשׁוּעָה. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פַאֲרְשְׁטֵיין וָואס מֵיינְט דִי וֶוערְטֶער "אָן קַיין הֶפְסֵק"?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּאָה (אות ה): "מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז יֶעדֶע וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מַיין מַצֵּבָה אִיז אֱמֶת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן קֶען מַיין צוּבְּרָאכְן הַארְץ וֶועלְכֶע אִיז צוּבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקְלֶעךְ כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר. אוּן אִיךְ הָאף אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן מֶען וֶועט דָארְט דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ תִּיקוּן פַאר מַיין נֶפֶשׁ רוּחַ אוּן נְשָׁמָה.

אַזוֹי וִוי בַּיי מַיין לֶעבְּן זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה

טוּן דוּרְךְ מִיר, אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ נָאךְ מַיין הִסְתַּלְקוּת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועט מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

אוֹיךְ וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן בַּיי מַיין קֶבֶר אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועל אִיךְ זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל זֶען צוּ בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה פַאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיין קֶבֶר.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוֹיב וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִים אָן קַיין הֶפְסֵק, זָאג אִיךְ זֵיי צוּ אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם".

גֵיי קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, וֶועסְטוּ זִיךְ דָאס אִיבֶּערְצֵייגְן, דוּ וֶועסְט דָארְט שְׁפִּירְן אַזֶעלְכֶע הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן עֶפֶּעס וָואס מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אוּן זָאג תְּהִלִים לִזְכוּת מוֹהֲרָא"שׁ אָן קַיין הֶפְסֵק; 'אָן קַיין הֶפְסֵק' מֵיינְט מֶען אָן אוֹיסְרֶעדְן, אוּן אָן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, נָאר זָאגְן תְּהִלִים פוּן אָנְהוֹיב בִּיזְן עֶנְדֶע, וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

דָא הָאסְטוּ אַ בִּילְד פוּן דִי כְּתַב יַד פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהֵייסְן אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי מַצֵּבָה:


אני מבטיח שכל בחור רווק
וכל בחורה רווקה, שיבואו
כאן לקברי, ויגמרו את כל
ספר תהלים מהתחלה עד גמירה
לזכותי. אני אשתדל בכל
מה שאפשר אצל ה' שימצאו
את זיווגם. וזה הבטחה
חזקה ממני.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיבּ רֶעד אִיךְ לָשׁוֹן הָרָע, פַּארְלִיר אִיךְ אַלֶע מַיינֶע מִצְוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר. מֶען הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַלְס קִינְד אַז אוֹיבּ מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע חַס וְשָׁלוֹם, דאן גֵייט אַרִיבֶּער אַלֶע מִצְוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף וֶועמֶען מֶען הָאט גֶערֶעדְט.

דָאס מַאכְט מִיךְ זֵייעֶר בַּאזָארְגְט, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ טוּן אַסַאךְ מִצְוֹת, אָבֶּער אִיךְ בִּין דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן אִיךְ קֶען דוּרְכְפַאלְן אִין רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע, אוּן אוֹיבּ אַזוֹי וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן מַיין גַאנְצֶע אַרְבֶּעט אַז אִיךְ פַארְלִיר סַיי ווִי אַלֶע מַיינֶע מִצְוֹת? אַלֶעס גֵייט דָאךְ אַרִיבֶּער צוּ יֶענֶעם אוּן אִיךְ בְּלַייבּ אָן גָארְנִישְׁט.

אִין בְּרֶסְלֶב לֶערְנְט מֶען דָאךְ אוֹיס צוּ טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט לֶעבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן פַאר יֶענֶע וֶועלְט, וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לָשׁוֹן הָרָע אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה; אַז מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע פַּארְלִירְט מֶען אַלֶעס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לָשׁוֹן הָרָע, סִימָן טז): "עַל יְדֵי לָשׁוֹן הָרָע אֵין מְקַבֵּל פְּנֵי הַשְּׁכִינָה", וֶוער עֶס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע קֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה, מֶען רַייסְט זִיךְ אָפּ אִינְגַאנְצְן פוּן דִי אֱמוּנָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה, הֲלָכָה א): "עַד שֶׁכּוֹפֵר בָּעִקָּר" דֶער וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע, רֶעדְט דָאס נָאר נָאכְן לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְחוֹטֵא

בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ", אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען טוּט אִיז נָאר עֲבֵירוֹת דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶער דֶער בַּעַל לָשׁוֹן הָרָע זִינְדִיגְט סֵיי אוֹיבְן אוּן סֵיי אוּנְטְן.

אָבֶער אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוּן אַלֶעס וֶוערְט צוּרִיק. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (סֵפֶר דִּבְרֵי יוֹאֵל פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, דַּף תנא): "אָמְנָם אִם הַמְסַפֵּר לָשׁוֹן הָרָע חוֹזֵר בִּתְשׁוּבָה", אוֹיבּ דֶער וָואס רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע - טוּט תְּשׁוּבָה, "אֲזַי שָׁבִים כָּל מִצְווֹתָיו אֵלָיו", דֶעמָאלְט קוּמֶען צוּרִיק אַלֶע מִצְוֹת צוּ אִים, "וְהַכֹּל עַל מְקוֹמוֹ הָרִאשׁוֹן יָבֹא", אוּן אַלֶעס וֶוערְט צוּרִיק אַזוֹי וִוי פְּרִיעֶר.

דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע סְגוּלָה צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן לָשׁוֹן הָרָע אוּן מְתַקֵּן זַיין וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בִּיז אַהֶער - אִיז דוּרְךְּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת שָׁם, אוֹת א): "וְתַקָּנָתוֹ, יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה", דוּרְךְּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז מֶען מְתַקֵּן דִי עֲבֵירָה פוּן לָשׁוֹן הָרָע, אוּן מֶען וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט אוֹיף וַוייטֶער.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְן עֶנְדֶע, אוֹיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא; אַזוֹי וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארֶרִעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דְרוּקְן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ בְּרֶענְגְט אוֹיךְ יְשׁוּעוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז מוֹהֲרַ"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן אַ חֵלֶק פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אוֹיךְ וֶוען מֶען דְרוּקְט דִי קְלֵיינֶע קוּנְטְרֵסִים אִיז דָאס אוֹיךְ אַ סְגוּלָה?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ מֶען דְרוּקְט אַ חֵלֶק פוּן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אַלֵיין, נִישְׁט דוּרְךְּ דִי קֶרֶן הַדְּפָסָה, אוֹיבּ עֶס הָאט אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע סְגוּלָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַלֶע סְפָרִים פוּן מוֹהֲרַ״ש, אַלֶע קוּנְטְרֵסִים - הָאבְּן אִין זִיךְ דִי סְגוּלָה צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

קוּק וָואס מוֹהֲרַ״ש שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּאָה (אוֹת ו): ״מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אַז אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס דְרוּקְן מַיינֶע פִילֶע סְפָרִים וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁרַייבְּן. אִיךְ גֶעבּ דִי רֶעכְט פַאר יֶעדְן אִיד צוּ דְרוּקְן מַיינֶע סְפָרִים, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן אוֹיף מַיינֶע סְפָרִים ׳כָּל הַזְכֻיּוֹת שְׁמוּרוֹת׳ - אַז קֵיינֶער טָאר זֵיי נִישְׁט אִיבֶּערְדְרוּקְן. **מַיינֶע סְפָרִים זֶענֶען אַ מַתָּנָה פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, יֶעדֶער הָאט דִי רֶעכְט זֵיי צוּ דְרוּקְן, אוּן יֶעדֶער וָואס וֶועט זֵיי דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן וֶועט גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת**, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת ה, יח): ׳כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא לְיָדוֹ׳ - וֶוער עֶס אִיז מְזַכֶּה אִידִישֶׁע קִינְדֶער - וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן עֲבֵירוֹת. אִיךְ בֶּעט אַייךְ נָאכְאַמָאל אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט צוּרִיקְהַאלְטְן דָאס דְרוּקְן מַיינֶע סְפָרִים, דִי רֶעכְט צוּ דְרוּקְן מַיינֶע סְפָרִים בַּאלַאנְגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אֵיינִיג, עֶס אִיז נִישְׁטָא בַּיי דֶעם קַיין אִיסוּר הַשָּׂגַת גְּבוּל, נָאר פַארְקֶערְט, יֶעדֶער קֶען עֶס דְרוּקְן ׳וְיַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר׳״.

בְּנוֹגֵעַ דְרוּקְן אַלֵיינְס; יֶעדֶער קֶען דְרוּקְן אַלֵיינְס דִי סְפָרִים, נָאר בִּתְנַאי אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶּה פוּנֶעם סֵפֶר, נִישְׁט מַאכְן שְׁטִיקְלֶעךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף ווִיכְטִיג הִילְף, אוּן אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן. אוּן דָאס אִיז אִיבֶּער דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטְן חַבֵר.

שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, אִיךְ גְלֵייב בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ אִים, אוּן אִיךְ הָאב לִיב צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער אֶנְצוּהוֹיבְּן אַ גֶעהֶערִיגֶע שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ צוּ עֶפֶענֶען דִי הַארְץ אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר אִים.

וֶוען אִיךְ גֵיי דוּרְךְ אַ צָרָה חַס וְשָׁלוֹם, אַ פִיזִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעם, אָדֶער גָאר אַ שְׁטַארְקֶע שְׁוֶועריִקֵייט אִין לֶעבְּן, דֶעמָאלְט אִיז מִיר אַבִּיסְל גְרִינְגֶער זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אָבֶּער סְתָּם אַזוֹי טָאג טֶעגְלִיךְ גֵייט עֶס מִיר פָּשׁוּט נִישְׁט, אִיךְ זִיץ אוּן אִיךְ וַוארְט, אִיךְ קוּק אוּן אִיךְ זוּךְ, אָבֶּער עֶס גֵייט מַמָּשׁ נִישְׁט. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דָא אוּן דָארְט קוּמְט אַרוֹיס עֶפֶּעס אַ וָוארְט, אָבֶּער נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע שְׁמוּעֶס. אִיךְ קֶען אֲפִילוּ קוּקְן מִיט דִי אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר ווִי עֶר קוּקְט צוּרִיק צוּ מִיר, אָבֶּער עֶס מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ בֶּעטְן עֶפֶּעס אַ גֶעווִיסֶע זַאךְ וָואס אִיךְ דַארְף, אָדֶער צוּ דַאנְקֶען אוֹיף אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען, אִיז מִיר עֶס גְרִינְגֶער, אִיךְ קֶען אֲפִילוּ גֶעבְּן קָאמְפְּלִימֶענְטְס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל, אִים צוּ לוֹיבְּן אוּן זָאגְן ווִי גוּט עֶר אִיז צוּ מִיר, אָבֶּער דָאס אִיז אוֹיךְ נָאר זֵייעֶר בְּקִיצוּר, אָפְּגֶעזָאגְט אוּן גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער, עֶס אַנְטְווִיקְלְט זִיךְ נִישְׁט אַ שְׁמוּעֶס פוּן דֶעם. וֶוען עֶס אִיז דָא אַ נוֹשֵׂא וָואס אִיז מִיר ווִיכְטִיג אוּן אִיךְ וָואלְט עֶס אֱמֶת'דִיג גֶעוָואלְט אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיבֶּערְגֵיין אַלֶע צְדָדִים פוּן דִי זַאךְ, פָּשׁוּט ווִי אִיךְ וָואלְט עֶס אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַ קְלוּגְן אִיד, דַאן גֵייט עֶס נִישְׁט, עֶס שְׁטְרֶענְגְט מִיךְ אַזוֹי אָן אַז אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ צֶעפְּלַאצְט פוּן דֶעם.

אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם אֱמוּנָה, אִיךְ גְלֵייב בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נֶעבְּן מִיר, עֶר הֶערְט מִיךְ, עֶר זֶעט מִיךְ, אָבֶּער אִיךְ ווּאוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מִיר אַלֵיין, פַארְוָואס

וָוען אִיךְ רֶעד אִינְדֶערְהֵיים אָדֶער מִיט אַ חַבֵר, אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט סַיי וָועמֶען און זִיכֶער וָוען אִיךְ רֶעד מִיט אַ רַב אָדֶער מַשְׁפִּיעַ, דַאן אִיז מִיר אַזוֹי גְרִינְג צוּ רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן, עֶס פָּארְט מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה', פַאַרְוָואס וָוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מְקוֹר פוּן רַחְמָנוּת און גוּטְסְקֵייט, וָוערְט אַלֶעס פַארְהַאקְט?

אִיךְ גְלֵייבּ אַז וָוען אִיךְ וָועל זוֹכֶה זַיין אֵיין טָאג צוּ קֶענֶען גֶעהֶעריג רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין אֵיין זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל וָואס אִיךְ וָועל נִישְׁט קֶענֶען בַּאקוּמֶען פוּן אִים.

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ טְרַאכְטְן פוּן וואוּ עֶס נֶעמְט זִיךְ דִי שְׁוָועריקֵייט, וואוּ וָוערְט עֶס פַארְפְּלָאנְטֶערְט. און אוֹיפְ'ן עֶרְשְׁטְן בְּלִיק זֶעט מִיר אוֹיס אַז עֶס הָאט צוּטוּן מִיט דֶעם וָואס אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט שׁוֹין בֶּעסֶער פוּן מִיר אַלֵיינְס אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט מִיר, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר, און עֶר וֵוייסְט שׁוֹין אוֹיךְ וָואס אִיךְ גֵיי אִים יֶעצְט זָאגְן, אִיךְ בִּין אִים גָארְנִישְׁט דָא מְחַדֵשׁ. אַזוֹי וִוי וָוען אִיךְ וָועל זִיךְ גֵיין אוֹיסְרֶעדְן צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וִוי נָאר אִיךְ זֶע אַז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט און פַארְשְׁטַאנֶען מַיין פְּרָאבְּלֶעם, וָועל אִיךְ עֶס נִישְׁט אִיבֶּערְזָאגְן נָאכְאַמָאל, אִיךְ וָועל זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי אַ חוֹזֵק אִיבֶּערְצוּזָאגְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט אַ מִינוּט צוּרִיק פוּן מִיר, און זָאג עֶס נָאךְ אִיבֶּער מִיטְ'ן זֶעלְבְּן טָאן און נִיגוּן; דִי זֶעלְבֶּע שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ וִוי אַ חוֹזֵק וָוען אִיךְ שְׁמוּעֶס אוֹיס אַ זַאךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט דָאךְ שׁוֹין פָּארְאוֹיס פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס און וִוי אַזוֹי אִיךְ גֵיי יֶעצְט זָאגְן וָואס אִיךְ וִויל זָאגְן.

רֶעדְנְדִיג מִיט אַ נָאנְטֶער חַבֵר קֶען אִיךְ פַּאקְטִישׁ יָא רֶעדְן מֶער בַּאֲרִיכוּת, מֶער זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן, אָבֶּער דָאס אִיז טַאקֶע דֶערְפַּאר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִי גֶעפִיל אַז אִיךְ בִּין אִים עֶפֶּעס מְחַדֵשׁ, עֶפֶּעס וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פְרִיעֶר, און אוֹיבּ אִיךְ וָועל אִים עֶס נִישְׁט זָאגְן וֶועט עֶר דָאס נִישְׁט וִויסְן, און דֶערִיבֶּער אִיז דִי שְׁמוּעֶס גֶעשְׁמַאק, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ טוּ עֶפֶּעס אוֹיף.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ גֶעוִויסֶער מַשְׁפִּיעַ אַז דָאס הָאט צוּטוּן מִיט יְדִיעָה און בְּחִירָה, אַז כָאטְשׁ וָואס אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַלֶעס וָואס עֶר גֵייט טוּן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף עֶר גְלֵייבְּן אַז עֶר הָאט דִי בְּחִירָה אוֹיסְצוּקְלוֹיבְּן צוּ טוּן נָאר גוּטְס און נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס חַס וְשָׁלוֹם; און אַן עֶנְלִיכֶע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בַּיים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָוען עֶס קוּמְט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען נִישְׁט דִי עֲבוֹדָה פוּן בְּחִירָה, זִיךְ

פָארְצוּשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל וֵוייסְט נָאכְנִישְׁט וָואס אִיךְ גֵיי אִים דֶערְצֵיילְן, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען גְרִינְגֶער רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶערֶעדְט צוּ אַ חַבֵר, כָאטְשׁ וָואס בֶּאֱמֶת וֵוייסְט עֶר יָא אַלֶעס. דָאס אִיז אָבֶּער גְרִינְג צוּ זָאגְן אוּן שְׁוֶוער מְקַיֵּים צוּ זַיין.

אִיךְ הָאף אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה אוֹיף דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב): "צָרִיךְ לֵידַע" מֶען דַארְף וִויסְן, "אֵיךְ לִלְחֹם" וִוי אַזוֹי צוּ מִלְחָמָה הַאלְטְן, "עִם הַחֶרֶב" מִיט דִי שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, "שֶׁלֹּא יַטֶּה אוֹתָהּ לְיָמִין אוֹ לִשְׂמֹאל" נִישְׁט צוּ בֵּייגְן דִי שְׁוֶוערְד נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס. וֶוען מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען, מֶען גֵייט נוּצְן דִי שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה - דַארְף מֶען אַסַאךְ חִיזוּק; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען, עֶר וִויל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קוּמֶען צְוֵויי קְלִיפּוֹת אִים שְׁטֶערְן עֶר זָאל נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אַ רֶעכְטֶע קְלִיפָּה מִיט אַ לִינְקֶע קְלִיפָּה. דִי רֶעכְטֶע קְלִיפָּה זָאגְט: 'וָואס דַארְפְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז דָאךְ נָאר גוּט!' אוֹיךְ זָאגְט דִי קְלִיפָּה: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דָאךְ אַלֶעס, וָואס דַארְפְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִים?' דָאס אִיז אֱמֶת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס צוּם גוּטְן אוּן עֶר וֵוייסְט אַלֶעס, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מִיר זָאלְן דַאוֶוענֶען אוּן אִים בֶּעטְן. וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין דִי מַחֲשָׁבוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען - אִיז דָאס קְלִפַּת יִשְׁמָעֵאל.

נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ לִינְקֶע קְלִיפָּה פוּן כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, וָואס לֵייקֶנְט אִין אַלֶעס; דִי קְלִיפָּה פַּארְדְרֵיידְט דֶעם מֶענְטְשׁ: 'וָואס הָאסְטוּ צוּ דַאוְונֶען? עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא', חַס וְשָׁלוֹם.

דֶערִיבֶּער, וֶוער עֶס נֶעמְט דִי שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה דַארְף הַאלְטְן דִי שְׁוֶוערְד שְׁטַארְק, נִישְׁט זִיךְ לָאזְן בֵּייגְן - נִישְׁט רֶעכְטְס אוּן נִישְׁט לִינְקְס, "וְשֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה" נָאר צִילְן צוּם פּוּנְקְט, שְׁטֶעכְן מִיטְ'ן שְׁוֶוערְד אַ שְׁטֶעךְ נָאךְ אַ שְׁטֶעךְ, אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל. "וְלֹא יַחֲטִא", אֲפִילוּ עֶר זֶעט אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, זָאל עֶר וַוייטֶער שְׁטֶעכְן מִיטְ'ן שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה, בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אָן קַיין אוֹיפְהֶער, דָאס מֵיינְט זַיין 'קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה', מֶען צִילְט צוּם פִּינְקְט, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ, וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף דָאס זַיין מִיט תַּחֲנוּנִים, מִיט גֶעבֶּעט. מֶען בֶּעט אַ מַתְּנַת חִנָּם, נִישְׁט אַז מֶען הַאלְט 'עֶס קוּמְט מִיר', נָאר בִּלְשׁוֹן תַּחֲנוּנִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר אַ מַתְּנַת חִנָּם; עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ בַּעַל הָרַחֲמִים, בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת אוּן גֶעבּ מִיר אַ יְשׁוּעָה"; אוֹיבּ מֶען אִיז אַן עַקְשָׁן, מֶען הַאלְט דִי שְׁוֶוערְד צוּם פּוּנְקְט, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף - בַּאקוּמְט מֶען דִי יְשׁוּעָה.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז, דוּ זָאלְסְט פוּן דֶעם אַלֵיינְס מַאכְן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס דָאס אַלֵיינְס אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל דִיר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אָבֶּער עֶס קוּמֶען מִיר אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס שְׁטֶערְט מִיר דָאס רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ טְרַאכְט 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ רֶעדְן צוּ דִיר וֶוען דוּ וַוייסְט שׁוֹין אַלֶעס אַלֵיינְס?'" אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "זֶה בְּחִינַת מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שֶׁבַּתְּפִלָּה" דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ בַּיים דַאוְונֶען, "שֶׁהֵם עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינַיִן" דָאס זֶענֶען ווָאלְקֶענֶעס וָואס פַּארְשְׁטֶעלְן דִי אוֹיגְן, "כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב" אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ג, מד): "סַכֹּתָה בֶעָנָן לָךְ" וְכוּ' דוּ הָאסְט זִיךְ בַּאדֶעקְט מִיט אַ וָואלְקְן, 'מֵעֲבוֹר תְּפִלָּה', דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי ווִי וָואלְקֶענֶעס וָואס

פַאַרְדֶעקְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי זוּן, אַזוֹי אוֹיךְ דִי קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן בַּאשֶׁעפֶער פַארְשְׁטֶעלְט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן זֶען אֱלֹקוּת.

דִי צְוֵויי קְלִיפּוֹת, עֵשָׂו אוּן יִשְׁמָעֵאל; דִי קְלִיפָּה פוּן עֵשָׂו אִיז כְּפִירָה, וָואס רֶעדְט אַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת חַס וְשָׁלוֹם, לֵית דִּין וְלֵית דַיָּין, אוּן דִי אַנְדֶערֶע קְלִיפָּה פוּן יִשְׁמָעֵאל, וָואס רֶעדְט אַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַז 'שָׁמַע ה' תְּפִלָּתִךְ', אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ מִתְפַּלֵל זַיין; דִי צְוֵויי קְלִיפּוֹת שְׁטֶערְט פוּן דַאוֶועֶנֶען, אוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט לוֹחֵם זַיין מִיטְ'ן שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה אוּן זֵיי אִינְגַאנְצְן מַכְנִיעַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין וַוייבּ מִיטְהַאלְטְן דִי הֲכָנוֹת צוּ קִידוּשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל שְׁרַייבְּן אִיבֶּער אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ שׁוֹין זַייט מַיין חֲתוּנָה, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן דֶערְוֶועגְן וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז עֶס אִיז נַארִישֶׁע זַאךְ אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס פְּרוּבִּירְט צוּ דֶערְשְׁטִיקְן אַז עֶס זָאל מִיךְ נִישְׁט וֵוי טוּן, לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ אָבֶּער אַז יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט הוֹיבְּט מִיךְ עֶס נָאכְאַמָאל אָן צוּ שְׁטֶערְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ מוּז יָא פְרֶעגְן דֶערְוֶועגְן, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן אַז עֶס דַארְף מִיר טַאקֶע נִישְׁט בַּאדֶערְן, וֶועל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק פְּרוּבִּירְן צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף מִיר אַז עֶס זָאל מִיר טַאקֶע נִישְׁט וֵוי טוּן.

מַיין מַעֲשֶׂה גֵייט אַזוֹי; אִיךְ בִּין צוּגֶעוואוּינְט פוּן אַלְס קִינְד אַז פַאר קִידוּשׁ פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, מֶען קֶען דֶעמָאלְטְס אַסַאךְ פּוֹעֵלְ'ן, בַּיי מַיין טַאטֶע אִינְדֶערְהֵיים אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר דֶערְהוֹיבֶּענֶע מִינוּטְן, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם דִי טִישׁ אוּן גֶעקוּקְט אוֹיף מַיין טַאטֶע בִּשְׁעַת מַיין טַאטֶע זָאגְט דִי לְשֵׁם יִחוּד (בַּיי דִי חֲסִידוּת פוּן וואוּ אִיךְ קוּם אִיז אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן צְוֵויי לַאנְגֶע לְשֵׁם יִחוּדְ'ס פַאר קִידוּשׁ) מֶען הָאט גֶעקֶענְט זֶען אוֹיף מַיין טַאטֶע אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִיכְטִיגְקֵייט.

עֶס קֶען זַיין אַז אִיךְ מַאךְ זִיךְ נַארִישׁ, אָבֶּער נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶערוּפְן מַיין ווייבּ אַז אִיךְ וִויל מַאכְן קִידוּשׁ, אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן קִידוּשׁ דִי רֶגַע וָואס אִיךְ הָאבּ אִיר גֶערוּפְן אִיז זִי גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן בַּאבְּלָאזְן פַארְוָואס אִיךְ רוּף אִיר שׁוֹין אוֹיבּ אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גְרֵייט. אָדֶער אִיז זִי צוּרִיק אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אָדֶער הָאט זִי זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט, אִיךְ הָאבּ אִיר פְּרוּבִּירְט אַפָּאר מָאל צוּ בֶּעטְן אַז זִי זָאל מִיר טוּן אַ טוֹבָה אוּן שְׁטֵיין דִי צְוֵויי מִינוּט בִּיז אִיךְ הֵייבּ אָן קִידוּשׁ, זִי הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס אִיךְ וִויל, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט וִוי אִיךְ רֶעד צוּ טוֹיבֶּע אוֹיעֶרְן. יֶעצְט שְׁטֶערְט מִיךְ עֶס אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער, וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גְרוֹיסֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיךְ פַארְשְׁטֵיין, אוּן גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן וֶועגְן דֶעם.

אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג מַיין לֶעבְּן פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אָן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואלְט אִיךְ מִסְתָּמָא שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיים זִינֶען.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בִּשְׁעַת מֶען מַאכְט קִידוּשׁ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס וֶוערְט לִיכְטִיג אִין אַלֶע וֶועלְטְן, אוּן וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוּוִיסְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין הִימְל וֶוען מֶען מַאכְט קִידוּשׁ - וָואלְט מֶען גֶעטַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה; וַוייל וֶוען מֶען מַאכְט קִידוּשׁ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת צִיצִית הֲלָכָה ה, אוֹת טו) אַז בַּיים נֶעמֶען דֶעם בֶּעכֶער אִין דִי הַאנְט צוּ מַאכְן קִידוּשׁ - בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

וֶוען מֶען מַאכְט קִידוּשׁ וֶוערְט מֶען אַן עֵדוּת אוֹיף בְּרִיאַת שָׁמַיִם וָאָרֶץ. דֶערְפַאר, אֵיידֶער מֶען מַאכְט קִידוּשׁ, וֶוען מֶען נֶעמְט דֶעם בֶּעכֶער אִין דִי הַאנְט - דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קַיין פָּסוּל'עֶר עֵדוּת. מֶען דַארְף טְרַאכְטְן פוּן תְּשׁוּבָה אוּן פוּן תִּיקּוּן הַמַּעֲשִׂים, אוּן חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. דָאס אִיז וָואס מֶען זֶעט בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן אַ

שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת בַּיים מַאכְן קִידוּשׁ און דָאס הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסט): "קֹדֶם הַקִּדּוּשׁ הָיָה נוֹטֵל הַכּוֹס בְּיָדוֹ" אֵיידֶער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט קִידוּשׁ הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם בֶּעכֶער אִין הַאנְט, "וְהָיָה עוֹמֵד זְמַן רַב" און עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ לַאנְגֶע צַייט, "עִם הַכּוֹס בְּיָדוֹ" מִיטְ'ן בֶּעכֶער אִין דִי הַאנְט, "לִפְנֵי הַשֻּׁלְחָן" פַארְ'ן טִישׁ, "בִּשְׁתִיקָה" שְׁטִילֶערְהֵייט, "וְלֹא הָיוּ שׁוֹמְעִין מִמֶּנּוּ" און מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן קַיין שׁוּם זַאךְ, "כִּי אִם קְצָת קוֹל הִשְׁתּוֹקְקוּת" נָאר אַ שְׁטִילֶע קוֹל פוּן בֶּענְקֶענִישׁ, "וְעָלָה אָז לְמָקוֹם שֶׁעָלָה" און דֶעמָאלְט אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיף מִיט זַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה דָארְט וואוּ עֶר אִיז אַרוֹיף. "אַחַר כָּךְ" נָאכְדֶעם, "אַחַר שֶׁשָּׁהָה הַרְבֵּה מְאֹד" נָאכְן לַאנְג וַוארְטְן "פָּתַח פִּיו בִּנְעִימוּת נִפְלָא: 'יוֹם הַשִּׁשִּׁי'", הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זַיין זִיסֶע קוֹל, יוֹם הַשִּׁשִּׁי.

מַאךְ נִישְׁט דַיין וַוייבּ זָאל דַארְפְן שְׁטֵיין און זִיךְ נִישְׁט רִירְן; לָאז אִיר אָנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדָה, לָאז אִיר זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט אִירֶע זַאכְן, און וֶוען דוּ בִּיסְט גְרֵייט צוּ מַאכְן קִידוּשׁ - וֶועט זִי קוּמֶען, און אַז דוּ וֶועסְט דַארְפְן וַוארְטְן נָאךְ אַפָּאר מִינוּט - וֶועסְטוּ קֶענֶען נָאךְ אַבִּיסְל בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ מַאכְן פוּן דִי מִצְוֹת - נֶערְוֶוען, מֶען דַארְף מַאכְן דִי מִצְוֹת מִיט אַ שִׂמְחָה. און וֶוען דוּ בִּיסְט מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן שְׁטֵיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיי קִידוּשׁ - זָאלְסְטוּ דָאס מַאכְן מִיט שִׂמְחָה, נִישְׁט מִיט נֶערְוֶוען; וַוייל שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ. אוֹיךְ וֶוען מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ מַאכְן קִידוּשׁ, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה - דַארְף דָאס זַיין מִיט אַ שִׂמְחָה, אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנה): "בִּיסְט פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת?" הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין פְרוּם (עֶרְנְסְט)", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין מַאן זָאל וויסְן אַז אִיךְ הַאלְט פוּן אִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין מַאן זָאל וויסְן אַז אִיךְ קוּק אִים אַרוֹיף אוּן אִיךְ הַאלְט פוּן אִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר פְרַאגֶע, ווי אַזוֹי אִיר קֶענְט מַאכְן אַייעֶר מַאן זָאל וויסְן אַז אִיר קוּקְט אִים אַרוֹיף; דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אַיינְרֶעדְן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען שְׁפִּירְט מִיט פַּארְמַאכְטֶע אוֹיגְן. אַז דִי פְרוֹי קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף אִיר מַאן, זִי שֶׁעצְט אִים - וֵוייסְט עֶס דֶער מַאן, אוּן אַז נִישְׁט - שְׁפִּירְט דָאס דֶער מַאן; מֶען קֶען נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז מֶען קוּקְט אַרוֹיף וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת.

אָנְהוֹיבְּן הוֹיבְּט זִיךְ דָאס אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין; אוֹיבּ מֶען טְרֶעפְט אִין זִיךְ גוּטֶע נְקוּדּוֹת, מֶען זֶעט אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן - דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֶען אִין אַ צְוֵוייטְן גוּטְס, אָבֶּער אַז מֶען אִיז דֶערבִּיטֶערְט, מֶען הָאט זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט לִיבּ - ווי קֶען מֶען לִיבּ הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן?

אַמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם וֶועם עֶר הָאט שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט נִישְׁט גֶעזֶען, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִים, אוּן עֶר זֶעט ווי יֶענֶער מַאכְט יֶעדְן אֵיינֶעם אַוֶועק. רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט אִים: "וָואס מַאכְט דֶער?" "וָואס מַאכְט יֶענֶער?" אוּן יֶעדְן אֵיינֶעם מַאכְט עֶר אַוֶועק, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "אַז דוּ וֶועסְט הַאלְטְן פוּן זִיךְ - וֶועסְטוּ קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה טוֹבָה, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן צוּשְׁטֶעלְן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב סְעוּדוֹת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פַאר חוֹל הַמּוֹעֵד אוּן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, אוּן פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דִי הַקָּפוֹת; דָאס אִיז רִיכְטִיג מְקַיֵּים גֶעוֶוען הַכְנָסַת אוֹרְחִים.

לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר זָאלְסְטוּ זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוֶוענֶען אַלֶע דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן דַוְקָא, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען גְרוֹיס שֶׁפַע. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: ״אַז מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן הָאט מֶען אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן - גֶעלְט״.

נָאךְ אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה טוֹבָה: זַיין פְרֵיילִיךְ; זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט שֶׁפַע.

...

### פַאר אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אִיז גְרִינְגֶער צוּ גֵיין הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְשִׁיבָה קְטַנָּה יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר יֶעדֶע וָואךְ וִויפִיל דוּ לֶערְנְסְט אוּן וָואס דוּ טוּסְט אִין יְשִׁיבָה.

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ גֵייסְט יֶעדְן טָאג הַפָּצָה; עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַאר עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן צוּ נֶעמֶען אַ סֵפֶר, אַ קוּנְטְרֵס - פוּן אַ יוּנְגֶער בָּחוּר.

אַלֶע ווילְן נֶעמֶען דִי סְפָרִים, אַלֶע דַארְפְן חִיזוּק, אָבֶער זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ, זֵיי טְרַאכְטְן אֶפְשָׁר וֶועט מֶען טְרַאכְטְן אוֹיף זֵיי אַז זֵיי דַארְפְן חִיזוּק... דֶערִיבֶּער נֶעמְט מֶען נִישְׁט דִי סְפָרִים, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ אִינְגְל אָדֶער אַ יוּנְג בָּחוּר מִיט דִי סְפָרִים - פְרֵייעֶן זִיךְ אַלֶע, עֶס אִיז זֵיי גְרִינְג צוּ נֶעמֶען.

גֶעבּ דִי גֶעלְט פוּן הֲפָּצָה פַאר דַיין מַגִיד שִׁיעוּר. בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה אִין אַמֶערִיקֶע הָאט מוֹהֲרָא"ש מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז אַלֶע בָּחוּרִים מוּזְן עוֹסֵק זַיין אִין צְדָקָה, אַלֶע דַארְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאךְ נִישְׁט קַיין נֵייעֶ זַאכְן, גֵיי הֲפָּצָה מִיַּד לְיַד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ גָארְנִישְׁט.

נֶעם סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן גֵיי הֲפָּצָה; דִי אַלֶע וָואס ווילְן מַאכְן נֵייעֶ זַאכְן - הַאלְט אָן פוּן הַיינְט בִּיז מָארְגְן, מֶען כַאפְּט אָן הִתְלַהֲבוּת אוּן עֶס פַארְלֶעשְׁט זִיךְ.

אַז דוּ ווילְסְט הָאבְן אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה, אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת אוּן גֵיין הֲפָּצָה מִיַּד לְיַד, אָדֶער אִין דִי שְׁטוּבֶּער אָדֶער אִין דִי שׁוּלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נָאר אֵיין זַאךְ דַארְף אִיךְ, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע חִינוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

צְוֵויי זַאכְן. אֵיינְס, אַ טַאטֶע קוּמְט מִיר זָאגְן אַז זַיין קִינְד ווִיל נִישְׁט גֵיין אִין חֵדֶר, ווַייל זַיין מְלַמֵּד שְׁלָאגְט אִים אוּן צִיפְּט אִים, עֶר קוּמְט אַהֵיים מִיט צֵייכֶענֶעס אוֹיף דִי הֶענְט. אוֹיךְ זָאגְט עֶר אַז נָאךְ אַ טַאטֶע הָאט אִים דָאס דֶערְצֵיילְט; ווִיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט מְבָרֵר זַיין ווָאס דָא גֵייט פָּאר, אוֹיבּ אִיז דָאס ווָאר - זָאלְסְטוּ פַּארְשִׁיקְן דֶעם מְלַמֵּד, עֶר זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי מִיסְט.

צְווייטְנְס, אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּנֶעם סֵדֶר הַיּוֹם, צוּפִיל צַייט פוּן פַארְמִיטָאג גֵייט לְאִבּוּד, דִי קִינְדֶער דַארְפְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען דִי עֶרְשְׁטֶע פִיר שָׁעָה, פוּן 9:00 בִּיז 1:00 מִיט אֵיין קְלֵיינֶע הַפְסָקָה פוּן פוּפְצְן מִינוּט, פוּן 11:00 בִּיז 11:15.

נָאךְ 1:00 דֶעמָאלְט אִיז דָא אַ לֶענְגֶערֶע הַפְסָקָה, בִּיז אַ שָׁעָה. אוּן שְׁפֶּעטֶער קֶען מֶען ווַייטֶער צֶעטֵיילְן דִי טָאג, אָבֶּער אִינְדֶערְפְרִי אִיז אַ צַייט ווָאס מֶען דַארְף לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

אִיךְ זֶע ווִי דִי מְלַמְדִים פְּרַאוֶוען מִיט דִי קִינְדֶער שֵׁיינֶע פַּת שַׁחֲרִית, דָאס אִיז אַ זַאךְ ווָאס דוּ דַארְפְסְט פַארֶערְכְטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ. לָאז אָפּ אַלֶעס, לָאז אַלֶעס קְרַאכְן, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין הַאט-לַיין, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גִלְיוֹן, נִישְׁט קַיין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, גָארְנִישְׁט; אֵיין זַאךְ דַארְף אִיךְ, אַ חִינוּךְ; אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן אַ גוּטֶע חִינוּךְ; דַאוֶוענֶען מִיט אַ חַיוּת, לֶערְנֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן זֵיי אָנְפִילְן מִיט סִפּוּרֵי צַדִיקִים, סִפּוּרֵי הַפָּצָה אוּן סִפּוּרֵי תְּפִלָּה.

אַ מְנַהֵל אִיז נִישְׁט אַ טִיטְל, אַ מְנַהֵל אִיז אַחֲרָאִי אוֹיף יֶעדְן קִינְד אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה; אַ מְנַהֵל דַארְף הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט יֶעדְן קִינְד, אַ מְנַהֵל דַארְף יֶעדְן טָאג בַּאגְרִיסְן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן קִינְד.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן לָאז מִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד שְׁלָאגְט, אָדֶער דֶער קִינְד דִמְיוֹן'ט.

...

## הַקְדָּמָה צוּם סֵפֶר "שְׂפָתַי תִּפְתָּח"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ שׁוֹין בֶּעסֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אוּן הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין פַאַרְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ שִׁיק דִיר דִי הַקְדָּמָה פַארְן סֵפֶר שְׂפָתַי תִּפְתָּח אוּן אִיךְ הָאף דִיר שׁוֹין צוּ שִׁיקְן דִי אִיבֶּערִיגֶע חֵלֶק פוּן דִי צְוֵוייטֶע תּוֹרָה.

**הַקְדָּמָה:**

דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים נא, יז): "ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח" הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן מִיר מַיין מוֹיל, "וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ" אִיךְ זָאל דִיךְ קֶענֶען דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן. וַוייל צוּלִיבּ דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, מִיר זָאלְן וִויסְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, עֶר פִירְט אַלֶעס, אוּן אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן. דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ קְלָארֶע, לוֹיטֶערֶע, רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ שְׁפִּירְן - עֶפְנְט זִיךְ דִי מוֹיל אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פֵּירוּשׁ "שְׂפָתַי תִּפְתָּח" אִיז אַ גְרִינְגֶע לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער פֵּירוּשׁ אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: שְׂפַת הַנַּחַל, דְּרָשׁוֹת מוֹהֲרָא"שׁ אוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל; אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוּן גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג פַאר דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אַז דִי הַיינְטִיגֶע מֹחוֹת זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ טַעַם אוּן

אַ גֶעפִיל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט) מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת - וֶועט זִיךְ אִים אוֹיפְשְׁטָאפְּן אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

אִיךְ הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן עֶפְנְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז 'אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ' בְּקוֹל צַדִּיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים - אִיז מֶען אַן 'אֵינוֹ מְדַבֵּר', רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶּער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִּיק, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - וֶוערְט "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ אִין דִי וָוארְט 'שְׂפָתַי' אִיז דָא דִי וָוארְט 'שְׂפַת' וַוייל דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְן הֵיילִיגְן סֵפֶר "שְׂפַת הַנַּחַל" אוּן אִינֶעם אוֹת יוּ"ד אִיז מְרוּמָז מַיין נָאמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארְעֶכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף מְתַקֵּן זַיין; מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה. אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה, וֶוען עֶס וֶועט זַיין וּ'מֶלֶךְ אֶ'חָד יִ'הְיֶה לְ'כֻלָּם (יְחֶזְקֵאל לז, כב).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**װען מֶען איז פְרֵיילִיךְ, איז גוט אַזוֹי צִי אַזוֹי**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק ט): ״אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה? כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ״, אַ פְרוֹי וָואס אִיז גְרֵייט פַאר אִיר מַאן, זִי טוּט זַיין ווִילְן וְכוּ׳ - אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (עֵירוּבִין ק:) אַ פְרוֹי וָואס קוּמְט צוּם מַאן וְכוּ׳ - װֶעט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער צַדִיקִים.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס װֶעט בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה פַאר אַייךְ, וַוייל דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בְּרֶענְגְט גְרוֹיסֶע נִיסִים אוּן יְשׁוּעוֹת.

בְּנוֹגֵעַ דִי לֶענְג פוּנֶעם שֵׁייטְל; מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט קְלַאפְּן אוֹיף זַיין אַקְסְל װען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיף דִי לֶענְג פוּנֶעם שֵׁייטְל.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה אוֹיף שִׂמְחָה. וַוייל אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז גוּט אַזוֹי צִי אַזוֹי, אוּן אַז מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ - הֶעלְפְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט. מֶען װֶערְט נִישְׁט מֶער צוּפְרִידְן מִיט אַ לַאנְגֶע שֵׁייטְל.

דֶערִיבֶּער שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא״שׁ אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב, הוּנְדֶערְטֶער מָאל אוֹיף הוּנְדֶערְטֶער שְׁאֵלוֹת - אֵיין תֵּירוּץ: ״זַיי פְרֵיילִיךְ״. נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ - װֶעלְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַװֶעקְגֵיין.

בֶּעטְס: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר זַיין פְרֵיילִיךְ, נֶעם אַװֶעק פוּן מִיר דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. נֶעם אַװֶעק פוּן מִיר דִי קִנְאָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל זֶען נָאר דִיר, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן״.

...

### נָאר דוּ טְרַאכְטְסְט אַז מֶען דַארְף דִיךְ נִישְׁט?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס מֵיינְסְטוּ, נָאר דוּ טְרַאכְטְסְט אַז מֶען דַארְף דִיךְ נִישְׁט? נָאר דוּ הָאסְט דִי מַחֲשָׁבוֹת? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב): "הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל" וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט, אוּן אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, "רַק אַדְּרַבָּה, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל" פַארְקֶערְט, וִוי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט וִוי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, "כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת" וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נִדְמָה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ" דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְּרַבָּה, עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָׁה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מִיט דֶעם אַלֶעמֶען הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

וָואס אִיז מִיט דִיר? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אַלֶעס אָפְּלָאזְן?! קוּם צוּרִיק, דוּ קֶענְסְט נָאךְ זַיין אַ צַדִּיק, אַלֶע צַדִּיקִים זֶענֶען דָאס אַרִיבֶּער; דֶער רֶבִּי זָאגְט עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמְפַצִּיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים" אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן

זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוֶועוְט און גֶעבֶּעטְן אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, און עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ', וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ, וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן און עֶר הָאט זִיךְ זַייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי, מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס פַארְשְׁטֵייט אוּנְז, מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס זָאגְט אוּנְז וִוי אַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט אִין אָנְהוֹיב וֶוען מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כְּדֵי מִיר זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### רֵייכֶערְן פַאר אַ פְרוֹי אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּרִיצוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס ... פְרֶעגְט, אוֹיבּ מֶען מֶעג רֵייכֶערְן אַן עֶלֶעקְטֶערָאנִישֶׁע צִיגַארֶעטְל וְכוּ'; זָאגְט אִיר זִי זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן. רֵייכֶערְן פַאר אַ פְרוֹי אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּרִיצוּת, נִישְׁט קַיין חִילּוּק עֶלֶעקְטֶערָאנִישֶׁע אָדֶער נִישְׁט עֶלֶעקְטֶערָאנִישֶׁע; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אַז רֵייכֶערְן פַאר פְרוֹיעֶן אִיז זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶע פְּרִיצוּת.

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי תַּלְמִידוֹת דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן זַיין אֵיידְל; זֵיי זָאלְן וֶועלְן זַיין אֵיידְל, זֵיי זָאלְן זִיךְ עֶקְלֶען פוּן דִי וֶועג פוּן אוּמוֹת הָעוֹלָם. אִיךְ

הָאבּ אַ תַּלְמִיד וָואס וֶויינְט צוּ מִיר אַז זַיין וַוייבּ ווִיל זִיךְ מַאכְן נָאךְ לֶעכֶער אִין דִי אוֹיעֶר, נָאכְמַאכְן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי בֵּית פֵּיגָא קִינְדֶער דָאס לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, אִיךְ וֶוער שְׁוַואךְ פוּן דִי סָארְט שְׁאֵלוֹת; אִיךְ ווִיל דִי תַּלְמִידוֹת זָאלְן זַיין אֵיידְל אוּן הֵיילִיג. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען פֶּסַח אִין אִיסְטַאנְבּוּל, הָאט עֶר גֶעזֶען דָארְט אִינְגֶעלַייט מִיט זֵייעֶר הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת אַזוֹי גְרוֹיס ווִי דִי הֵיילִיגֶע תְּנָאִים. הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט, זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם צוּלִיבּ דִי צְנִיעוּת פוּן זֵייעֶרֶע מַאמֶעס, דִי פְרוֹיעֶן דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר אֵיידְל; זֶעט מֶען צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל.

אוֹיךְ זָאל מֶען רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה; נָאר אַז מֶען וֶועט דָאס אַרַיינְלֵייגְן פוּן קִינְדְוַוייז אָן - וֶועלְן זֵיי דָאס טוּן מִיט שִׂמְחָה, אַז נִישְׁט - וֶועלְן זֵיי דָאס טוּן גֶעצְווּינְגֶענֶערְהֵייט, אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרָאפּ פוּן דֶעם, מֶען לָאזְט זִיךְ צוּרִיקְוַואקְסְן דִי הָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעמֶען אַ פְּלַאץ פַאר אַ שׁוּל אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא קַיין מִנְיָן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ לָאנְדָאן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז כְּדַאי צוּ נֶעמֶען אַ פְּלַאץ פַאר אַ שׁוּל אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא קַיין מִנְיָן פַאר אַלֶע דְרַיי תְּפִילוֹת.

בַּיי אוּנְז אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, וֶוען מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מִנְיָן הֵיכַל

הַקּוֹדֶשׁ - הָאבְּן מִיר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מִנְיָן פַאר אַלֶע דְרֵיי תְּפִילּוֹת. מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אוּן מִיט דִי צַייט אִיז דָאס אַזוֹי שֵׁיין צוּאוַואקְסְן, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, אוּן מִיט דִי צַייט אִיז גֶעוָוארְן אַ יְשִׁיבָה, אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, אַ בֵּית פֵּיגָא וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אַזוֹי אוֹיךְ אִין קִרְיַת יוֹאֵל. בַּיים אָנְהוֹיבּ הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט מִיט מִנְיָן, בִּיז עֶס אִיז שׁוֹין הַיינְט דָא אִין קִרְיַת יוֹאֵל דְרֵיי בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן אַ שׁוּל, מֶען שְׁפְּרִינְגְט אַריין, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט אַרוֹיסְגֵיין אַ שֵׁם אִין לָאנְדָאן אַז עֶס אִיז דָא אַ ווינְקֶעלֶע וָואס מֶען אִיז מְחַזֵּק; וֶועלְן אַלֶע קוּמֶען.

מִיר הָאבְּן יֶעצְט גֶעעֶפְנְט אַ שׁוּל הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין טְבֶרְיָ׳; צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְט נִתְרַבָּה דִי חֲבוּרָה, הוּנְגֶערִיגֶע מֶענְטְשְׁן קוּמֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אַריין נֶעמֶען חִיזוּק, הֶערְן אַפָּאר וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן צוּ הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעם אַרוֹיס דִי פְּלַאץ, הוֹיבּ אָן מִיט שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, צוּבִּיסְלִיךְ וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט זַיין אַ שֵׁיינֶע קִיבּוּץ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים.

גֶעבּ נָאר אַכְטוּנְג עֶס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי עֶנְק קַיין לֵיצָנוּת אוּן נִישְׁט קַיין בְּרוֹינְפְּן.

רֶעד בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת פְּשׁוּטְ׳עֶ דִיבּוּרִים; לֶערְן פָּאר בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָדֶער פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס לוֹינְט זִיךְ אַװעקְצוּגֶעבְּן דִי מָאדֶעס, כְּדֵי צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי פְּרַאגֶעס מַאכְן מִיךְ שְׁוַואךְ; וָואס זָאל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן? נִישְׁטָא קֵיין הֲלָכוֹת אוֹיף צְנִיעוּת, גֵיין אָנְגֶעטוֹן אֵיידְל אִיז אַ גֶעפִיל זַאךְ, און אַז דַיין וַוייבּ ווִיל נָאכְמַאכְן דִי גוֹיִם, זִיךְ מַאכְן נָאךְ אַ לָאךְ אִין אוֹיעֶר פַּאר נָאךְ אַן אוֹיעֶרִינְגְל - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה; נָאר תְּפִלָּה וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

דַיין וַוייבּ אִיז בֶּאֱמֶת זֵייעֶר אַ וואוֹילֶע טֵייעֶרֶע פְרוֹי; דִי פָּאר מָאל וָואס דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ מִיר מִיט אִיר הָאבּ אִיךְ אַנֶערְקֶענְט אַז זִי אִיז זֵייעֶר וואוֹיל. מֶעגְסְט אִיר זָאגְן אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט, און זַיי אִיר מְחַזֵּק, אַז מֶען גֵייט אָנְגֶעטוֹן אֵיידְל - הָאט מֶען עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, און אַז מֶען גֵייט אָנְגֶעטוֹן ווִי אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער גֵייט - וֶועלְן דִי קִינְדֶער בְּלַייבְּן אִידְן; עֶס לוֹינְט זִיךְ אַוֶועק צוּ גֶעבְּן דִי זַאכְן - צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

זַיי אִיר מְחַזֵּק, וַוייז אִיר ווִי שְׁרֶעקֶעדִיג דִי וֶועלְט אִיז. קִינְדֶער לוֹיפְן אַוֶועק, קִינְדֶער מִישְׁן זִיךְ אוֹיס מִיט אוּמוֹת הָעוֹלָם רַחֲמָנָא לִצְלָן, און אַז מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל - זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים".

קֶענְסְט אִיר זָאגְן וָואס דַיין רָצוֹן אִיז, און זָאלְסְט אִיר מְחַזֵּק זַיין. און אַז דִי וֶועט דָאס סֵיי ווִי מַאכְן - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, נָאר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ, דַיין וַוייבּ און דִי קִינְדֶער - זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת, און מִיט סַבְלָנוּת און תְּפִלָּה וֶועט זִי זִיךְ צִיעֶן צוּ רֶעכְטְס און וֶועט וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוֹן אַזוֹי ווִי אַ בַּת יִשְׂרָאֵל.

וֶוער נִישְׁט פַאְרלוֹירְן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶעען אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֵיי הָאבְּן מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת גֶע'פּוֹעֶל'ט נִיסִים וְנִפְלָאוֹת. דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר און מַיין וַוייבּ מִיר זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ און אָפְּגֶעהִיטְן פוּן חֻקּוֹת הָעַכּוּ"ם, מִיר זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג, מִיר זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר מַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, דוּ טוּסְט מִיט מִיר אַזוֹיפִיל נִיסִים בִּיז אַהֶער, הֶעלְף מִיר אַז מַיין וַוייבּ זָאל וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוֹן אֵיידְל, זִי זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְמַאכְן דִי נֵייעֶ מָאדֶעס,

אִיךְ בֶּעט דִיר, אָנָּא ה' הוֹשִׁיעָה נָּא, הֶעלְף מִיר אוּן מַיין וַוייבּ מִיר זָאלְן וֶועלְן טוּן נָאר דַיין וִוילְן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ".

אַז זִי פְרֶעגְט דִיר וָואס אִיךְ זָאג - קֶענְסְטוּ אִיר וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט אַ דְזְשִׁים אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַר-חֶשְׁוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט אַ דְזְשִׁים אִין שְׁטֶעטְל, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען מַאכְן עֶקְסֶערְסַייז פַאר דִי נְשָׁמָה.

דִי פְּלַאץ אִיז אִין שׁוּל; מֶען קֶען קוּמֶען יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, זִיךְ אוּיפְבּוֹיעֶן דִי נְשָׁמָה; מֶען זָאל הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע נְשָׁמָה, אַ שְׁטַארְקֶע נְשָׁמָה.

אוּיךְ וֶוערְט דִי גוּף אוּיפְגֶעבּוֹיט אוּן גֶעזוּנְט, עֶס וֶוערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק. אַזוֹי זָאגְט דִי תּוֹרָה (מִשְׁלֵי א, ג): "כִּי לִוְיַת חֵן הֵם לְרֹאשֶׁךָ", אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - וֶוערְט דִי קָאפּ גֶעזוּנְט אוּן בַּא'חֵן'ט, "וַעֲנָקִים לְגַרְגְּרֹתֶךָ", אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - וֶוערְט דִי הַאלְז גֶעזוּנְט אוּן בַּאצִירְט. נָאךְ שְׁטֵייט (שָׁם ג, ח): "רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ", אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט דִי בּוֹיךְ אוּיסְגֶעהֵיילְט, "וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְן דִי מַארְךְ פוּן דִי בֵּיינֶער גֶעשְׁטַארְקְט (עֵירוּבִין נד).

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נִישְׁט וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער טוּט - דַארְפְסְטוּ נָאכְטוּן. עֶנְדֶערְשׁ קוּם מַאכְן עֶקְסֶערְסַייז אוּיף דַיין נְשָׁמָה, בּוֹי אוּיף דַיין נְשָׁמָה. קוּם אִין שׁוּל לֶערְנֶען, מַאךְ נָאךְ דִי אִינְגֶעלַייט וָואס קוּמֶען אִין שׁוּל, וָואס זֶענֶען זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה. דֶער גוֹי הָאט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה

און נִישְׁט קַיין דַאוֶועֶנֶען - גֵייט עֶר אִינְדֶערְפְרִי אוֹיפְבּוֹיעֶן זַיין קֶערְפֶּער, דֶער גוֹי הָאט נִישְׁט קַיין עָתִיד, בַּיי אִים אִיז דֶער גוּף דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, לוֹיפְט עֶר אִינְדֶערְפְרִי טוּן דָאס. דוּ בִּיסְט אַ אִיד, דוּ הָאסְט אַ נְשָׁמָה - קוּם אִין שׁוּל, זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - וֶועט מֶען דִיר נִישְׁט קֶענֶען פַּארְנַארְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס) דֶער וָואס הָאט גֶעטְרִינְקֶען פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין - אִים קֶען מֶען נִישְׁט פַּארְנַארְן.

גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי שְׁפַּאצִירְן הִינְטֶער דַיין שְׁטוּבּ, רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַבִּיסְל שֵׂכֶל, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס אִיז תַּכְלִית, וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן מִיר".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**רַייס נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבְּ'ס אֵיידְלְקֵייט און צְנִיעוּת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַר-חֶשְׁוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַן עֶרְלִיכֶע וַוייבּ, אַן אֵיידֶעלֶע וַוייבּ - אִיז מֶער וֶוערְד פוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט. קֶען זַיין דוּ בִּיסְט יוּנְג, עֶס רֵייצְט דִיךְ וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אִיךְ זָאג דִיר עֶס אִיז נִישְׁטָא עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס פוּן אֵיידְל, בַּאשֵׁיידְן און צְנִיעוּת'דִיג.

אִיךְ בֶּעט דִיר, רַייס נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבְּ'ס אֵיידְלְקֵייט, בְּרֶענְג אִיר נִישְׁט אַרַיין נֵייעֶ דֶערְהֶערְן פוּן דִי וֶועלְט; עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי פָּאר יוּנְגֶע הִיצִיגֶע יָארְן און דוּ וֶועסְט אַזוֹי חֲרָטָה הָאבְּן... אִיךְ זָאג דִיר, אִיךְ וֵוייס וָואס אִיךְ רֶעד. אִיךְ הָאבּ אִינְגֶעלַייט וָואס וֵויינֶען צוּ מִיר אַז זֵייעֶר וַוייבּ גֵייט לִינְקְס און זֵיי קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּן, וֶוען זֵיי אַלֵיינְס הָאבְּן אִין דִי עָבַר אַרָאפְּגֶערִיסְן און חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן דִי אֵיידֶעלֶע וֶועג.

אוֹי וֵויי, וִוי שְׁרֶעקֶעדִיג דִי וֶועלְט אִיז, אוֹי וִוי בִּיטֶער עֶס וֶוערְט וֶוען דִי

וַוייבּ וֶוערְט אוֹיס תְּמִימוּת'דִיג, זִי ווִיל נִישְׁט נָאכְגֵיין דִי וֶועג פוּן צַדִּיקִים; עֶס וֶוערְט אוֹיס שְׁטוּב, עֶס וֶוערְט אוֹיס מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, אוֹיס מִיט אַלֶעס.

מֶען קֶען פְּלַאצְן וֶוען בָּחוּרִים עֶנְטְפֶערְן מִיר, זֵיי דַארְפְן אַ וַוייבּ וָואס אִיז נִישְׁט פַּארְפְרוּמְט. אִיךְ רֶעד שִׁידוּכִים פַאר בָּחוּרִים אוּן זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט גָארְנִישְׁט פוּן לֶעבְן, זֵיי הָאבְן דִי יוּנְגֶע רֵייץ, אוּן דֶערִיבֶּער זָאגְן זֵיי אָפּ שִׁידוּכִים.

אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיי זֵיי, הָאבּ שֵׂכֶל, נֶעם אַ וואוֹילֶע אֵיידֶעלֶע וַוייבּ, נֶעם אַ בַּאשֵׁיידֶענֶע וַוייבּ, נֶעם אַ רֵיינֶע תְּמִימוּת'דִיגֶע וַוייבּ, עֶס אִיז אַזוֹי גוּט אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי; זִי וֶועט מְחַנֵּךְ זַיין דַיינֶע קִינְדֶער, זִי וֶועט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט זֵיי, זִי וֶועט זֵיי וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער; וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא - אַז זִי וֶועט נִישְׁט וֶועלְן נֶעמֶען אַ טֶעלֶעפָאן וָואס אִיז נִישְׁט כָּשֵׁר אִין הַאנְט? נָאר דוּ וֶועסְט דָאךְ מַרְוִיחַ זַיין פוּן דֶעם, אָבֶער דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים מִיט דִי רֵייץ ווִילְן מִיךְ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן.

דִיר בֶּעט אִיךְ, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין לֶעבְן, מַאךְ נִישְׁט אַוֶועק צְנִיעוּת, רֵייס נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבּ. אַז זִי פְרֶעגְט דִיר אוֹיף אַ קְלֵייד אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט, אַז זִי זָאגְט דִיר 'מַיין מַאמֶע זָאגְט מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט דֶעם' - לַאךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אוּן מַאךְ אַ גֶעשְׁפֶּעט, זָאג אִיר: "פָּאלְג דַיין מַאמֶע, גֵיי נִישְׁט מִיט דֶעם, אַזוֹי וֶועלְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּנְז אוֹיסְהֶערְן"; זָאג אִיר: "וָואס וֶועט זַיין, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְלַאכְן פוּן אוּנְז, זֵיי וֶועלְן מֶער נָאכְגֵיין דִי לִינְקֶע גַאס".

אוֹי וֵויי, אוֹי ווִי שְׁרֶעקְעדִיג דִי וֶועלְט אִיז; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס בְּרֶענְגֶען דִי גֵיהִנוֹם? מַאךְ נִישְׁט דִי טָעוּתִים ווַייל שְׁפֶּעטֶער אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער.

בֶּעט דַיין וַוייבּ זָאל דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶערֶעדְט בַּיים שִׁיעוּר, מֶען הָאט גֶערֶעדְט אַזֶעלְכֶע ווִיכְטִיגֶע זַאכְן. מֶען קֶען זִיצְן אִין גַּן עֵדֶן, מֶען קֶען שְׁפִּירְן אַלֶע שַׁ"י עוֹלָמוֹת - בִּיז דֶער שְׁלַאנְג קוּמְט אָן, עֶר הוֹיבְּט אָן רֶעדְן קֶעגְן וְכוּ', עֶר פַארְסַמְ'ט מִיט קֻשְׁיוֹת, מִיט לֵיצָנוּת.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט אִין דִי שׁוּל'ן. אִיךְ בֶּעט דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט אַז אִיךְ ווִיל גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ מְתַקֵּן זַיין מַיין נְשָׁמָה, מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אַז גֵיין נָאךְ גֶעלְט לוֹיטֶערְט אוֹיס דִי נְשָׁמָה. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ גֵיין אִין שׁוּלְ'ן מִיט אַ חָתָן וָואס הָאט חֲתוּנָה אִין אַפָּאר וָואכְן אוּן הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶס פַאלְט שְׁטִיקֶער פוּן מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַ זִיכּוּךְ, נָאךְ יֶעדֶע שׁוּל הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אִיךְ וֶוער נֵיי גֶעבּוֹירְן. אֵיין פְּרָאבְּלֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט, דֶער חָתָן הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן וִוי מֶער גֶעלְט, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ מֶער גֶעפְרֵיידְט יֶעדֶע מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דִי תִּיקּוּן שְׁטֶערְקֶער.

גֵיי דוּ אוֹיךְ נָאךְ גֶעלְט, לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ וָואךְ. אוֹיבּ דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין צְוֶועק - קֶען אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ חֵלֶק פוּן דִי קְהִילָה, אַ פִּינְטֶעלֶע פוּן דִי מוֹסָד - וָואס דָאס זָאל זַיין דַיין פְּרָאיֶעקְט וְכוּ'.

הַיינְט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט מֶען יוֹם כִּיפּוּר קָטָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים ...

### רֶעדְן נָאר דִיבּוּרִים וָואס מֶען לֶערְנְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַר-חֶשְׁוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

וֶוען אִיר רֶעדְט מִיט דִי פְרוֹיעֶן זָאלְט אִיר רֶעדְן נָאר דִיבּוּרִים וָואס מֶען לֶערְנְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, פוּן שִׂמְחָה, אוֹיךְ פוּן תְּפִלָּה אוּן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ'.

רֶעדְט אוֹיךְ אַסַאךְ פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, וַוייל אָן אֱמוּנַת חֲכָמִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא; אַ מֶענְטְשׁ אָן אַ צַדִּיק אִיז אַ פַארְלוֹירֶענֶער, אַ מֶענְטְשׁ אָן אֱמוּנַת חֲכָמִים פַאלְט.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְּכַי פוּן לֶעכֶעוִויטְשׁ

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (הוּבָא בְּסֵפֶר אַבְקַת רוֹכֵל): "אוֹיבּ אִיז נִגְזַר גֶעוָוארְן אַ גְזֵירָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, בְּרֶענְגְט מֶען אִים אַרַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף צַדִּיקִים, אוּן אַזוֹי פַּאלְט עֶר אוּן טְרַאסְקֶעט עֶר מִיט נְפִילוֹת נָאכְאַנַאנְד".

רֶעדְט אַסַאךְ פוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעמִישְׁט פוּן לָשׁוֹן הָרָע אוּן לֵיצָנוּת. מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן 'וֶוער גֶעבְּט מִיר חִיזוּק אוֹיף אֱמוּנָה? וֶוער גֶעבְּט מִיר חִיזוּק אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת? וֶוער גֶעבְּט מִיר חִיזוּק צוּ קֶענֶען שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אוּן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דֶעם צַדִּיק טָאר אִיךְ עֶס נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן'; וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, אִין יֶעדֶע דוֹר זֶענֶען דָא צַדִּיקִים וָואס קֶענֶען גְרִינְגֶערְהֵייט מְקַרֵב זַיין גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן זַיינֶע מִיטְהֶעלְפֶער מַאכְן חוֹזֶק, מַאכְן לֵיצָנוּת אוּן רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע, דָאס אִיז גוֹרֵם מֶען זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי צַדִּיקִים, אוּן אַזוֹי בְּלַייבְּט מֶען נֶעבֶּעךְ יֶעדֶער אֵיינֶער אִין זַיין שֶׁקֶר.

וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען וִוי דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי עֵרֶב רַב הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן (שְׁמוֹת לב, כו): "מִי לַה' אֵלָי", וֶוער עֶס וִויל זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּ מִיר; וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם.

...

### דִי פְּרוּטוֹת צְדָקָה בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן נַאכְט אִיז גֶעוֶוען אַ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סְעוּדָה בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ פַאר דִי תּוֹמְכֵי הַכּוֹלֵל. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, מֶען הָאט גֶערֶעדְט גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זַאכְן פַארְן לֶעבְּן; פְּרֶעג דִי אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵיי זָאלְן דִיר דֶערְצֵיילְן.

לֵייג אַלְץ אַפָּאר פְּרוּטוֹת אִין דִי פּוּשְׁקֶע. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:): "מַאי דִּכְתִיב 'וַיִּלְבַּשׁ צְדָקָה, כַּשִּׁרְיָן'", אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אָנְטוּן מִיט צְדָקָה אַזוֹי וִוי מֶען טוּט אָן אַ פַּאנְצֶער, "לוֹמַר לְךָ, מַה שִּׁרְיוֹן זֶה כָּל קְלִיפָּה וּקְלִיפָּה מִצְטָרֶפֶת לְשִׁרְיוֹן גָּדוֹל", אַזוֹי וִוי אַ פַּאנְצֶער וֶוערְט גֶעמַאכְט פוּן אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ בִּיז עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער פַּאנְצֶער, "אַף צְדָקָה כָּל פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת לְחֶשְׁבּוֹן גָּדוֹל", אַזוֹי אוֹיךְ דִי פְּרוּטוֹת צְדָקָה קְלֶעבְּט זִיךְ צַאם פַאר אַ גְרוֹיסֶער חֶשְׁבּוֹן, דִי פְּרוּטוֹת צְדָקָה דָאס בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## הֶעכֶערְן דִי גֶעהַאלְט פוּן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַז אֵיינֶער בְּרֶענְגְט צוּרִיק זַיינֶע קִינְדֶער צוּ אִים. זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אוּנְזֶער דוֹר, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָּה.

פִּינְף כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט הָאבְּן זִיךְ פַארְהֶערְט הִלְכוֹת מִקְוָאוֹת, אִיךְ הָאבּ יֶעצְט בַּאקוּמֶען דִי צֶעטְלֶעךְ וָואס דִי רַבָּנִים שְׁרַייבְּן זֵיי, דִי רַבָּנִים דְרוּקְן זִיךְ אוֹיס אַז זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גוּט גֶעקֶענְט. אִיךְ וִויל גֶעבְּן פַאר דִי אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן זִיךְ פַארְהֶערְט - עֶפֶּעס מֶער, זָאלְסְטוּ אָנְגְרֵייטְן דֶעם חוֹדֶשׁ וֶוען מֶען צָאלְט דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט נָאךְ אַ טוֹיזְנְט דָאלֶער, פַאר דִי פִּינְף אִינְגֶעלַייט: ר' יוֹנָה, שְׁלֹמֹה, יַעֲנְקִי, חֶזְקִי, אוּן אֶלִי' פֶּערְל. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער אַרוֹיפְגֵיין מִיט דִי גֶעהַאלְט פַאר דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, אַנְשְׁטָאט צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג דָאלֶער אַ וָואךְ - דְרֵיי

הונדערט און פופציג דאלער א וואך, איך וויל זיי צאלן יעדע דריי וואכן טויזנט פופציג.

גרייט מיר אן פאר אלע אינגעלייט זייער געהאלט פאר פרשת חיי שרה, תולדות און פאר ויצא; איך האף צו קומען איין טאג קומענדיגע וואך אין שטעטל - וועל איך עס נעמען פון דיר.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א גוטן חודש.

...

## פריער אדער שפעטער ווערט מען פארשעמט פאר די גאנצע וועלט

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת תולדות, א' דראש חודש כסליו, שנת תשפ"ג

לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ווי און ביטער איז אז מען גייט זיך באהאלטן מיט אן ערלית טון אן עבירה, קען מען זיך דען באהאלטן פונעם אייבערשטן? פריער אדער שפעטער ווערט מען פארשעמט פאר די גאנצע וועלט.

די הייליגע חכמים זאגן (במדבר רבה ט, א): "הנואף אומר, אין בריה יודעת בי, לפי שכל מעשיו אינן אלא בחשך", א מענטש מיינט אז ער קען זיך באהאלטן פונעם אייבערשטן, וואס טוט דער אייבערשטער? "והקדוש ברוך הוא מפרסמן בעולם", ער פארשעמט אים פאר די גאנצע וועלט.

ווי וועסטו קענען קוקן אין פנים דיין ווייב און דיינע קינדער? ווי וועסטו קענען קוקן אין פנים דיין משפחה ווען מען וועט זיך דערוויסן וואס דו טוסט? אוי וויי, וועסט דאך אלעס פארלירן, ווי קענסטו טון אזא זאך?!

איך בעט דיר זייער, האק אפ אלע קשרים, טו תשובה; עיקר תשובה איז אפהאקן אלע קשרים, און מאך זיך א שיעור אין לערנען תורה; הויב אן מיט

מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ בְּלַאט גְּמָרָא, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין.

...

**גֵיי הֲפָּצָה צוּ אַלֶעמֶען, אָבֶּער פַארְלֵייג זִיךְ אוֹיף פְּרוּמֶע אִידְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל וואוּ צוּ גֵיין הֲפָּצָה; סֵיי אִין טְבֶרְיָ׳, סֵיי אִין צְפַת אוּן סֵיי אִין מִירוֹן; וְויפִיל מְפִיצִים עֶס וֶועט זַיין - וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג, בִּפְרַט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען גֵיין לְאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ.

גֵיי הֲפָּצָה צוּ אַלֶעמֶען, אָבֶּער פַארְלֵייג זִיךְ אוֹיף פְּרוּמֶע אִידְן; דִי פְּרוּמֶע אִידְן דַארְפְן זֵייעֶר וִויכְטִיג דֶעם רֶבִּי׳ן. דִי מֶפִיצִים פוּן יַבְנְאֵל גֵייעֶן בְּעִיקָר צוּ נִישְׁט פְּרוּמֶע אִידְן, אַ שָׁאד פַאר דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן זָאלְן נִישְׁט וִויסְן פוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן; פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, עֵצוֹת פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, עֵצוֹת וִוי צוּ לֶעבְּן.

קֶענְסְט טוּן נָאךְ זַאכְן פַאר פַּרְנָסָה, אָבֶּער דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג׳, מְחֻגֵּר): "מֶען זָאל אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער, אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת, אָבֶּער דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל לִיבּ הָאבְּן שַׁבָּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הִיט שַׁבָּת וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל לִיבּ הָאבְּן שַׁבָּת״.

אַ גוּט שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

**אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז ווִי עֵשָׂו, קֶען מֶען נוּצְן דֶעם קוֹל קוֹל יַעֲקֹב**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

צוּ זַיין שַׁבָּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה, דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אֵיין שְׁטִיק הִתְחַזְּקוּת. אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת כְּדֵי דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען מְחַיֶה זַיין.

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז, כב): ״הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו״, יִצְחָק אָבִינוּ הָאט נִישְׁט דֶערְקֶענְט יַעֲקֹב, עֶר הָאט גֶעזָאגְט ׳פוּן דִי הֶענְט זֶעט אוֹיס אַז דָאס אִיז עֵשָׂו אוּן פוּן דָאס רֶעדְן זֶעט אוֹיס אַז דָאס אִיז יַעֲקֹב׳. הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט זִיךְ עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק עֵשָׂו, זָאל עֶר נוּצְן זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס זָאל זַיין הַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב.

מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיטְן רֶבִּינְ׳ס הִתְחַזְּקוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תמא) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין זוּן זָאל אִים אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטֵיין צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק, דֶער זוּן הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט טוּן דֶעם ווִילְן פוּן זַיין טַאטְן אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן דִי שְׁטֵיין אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר

גֶעוֶוען. וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעזֶען וִוי זַיין קִינְד אִיז זִיךְ אַזוֹי מְצַעֵר הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַרוֹיפְצוּשְׁלֶעפְּן דִי שְׁטֵיין הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן דוּ זָאלְסְט עֶס אַזוֹי אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַ הַאק אוּן צֶעהַאקְן דֶעם שְׁטֵיין אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטֵיינְדְלֶעךְ אוּן אַזוֹי דָאס אַרוֹיפְטְרָאגְן".

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "כְּמוֹ כֵן, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ צִוָּה עָלֵינוּ שֶׁנִּשָּׂא לְבָבֵנוּ אֶל כַּפַּיִם, אֶל אֵ-ל בַּשָּׁמַיִם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן אַרוֹיפְטְרָאגְן אוּנְזֶער הַארְץ צוּ אִים, מִיר זָאלְן אִים דִינֶען מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, "וּלְבָבֵנוּ הוּא לֵב הָאֶבֶן", אוּן וָואס טוּט מֶען אַז אוּנְזֶער הַארְץ אִיז אַ שְׁטִיק שְׁטֵיין? "וְהוּא אֶבֶן גָּדוֹל וְכָבֵד מְאֹד" עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע גְרוֹיסֶע שְׁטֵיין, "וְאִי אֶפְשָׁר לְהָרִים אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּשׁוּם אֹפֶן", עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דָאס צוּ רִירְן פוּן פְּלַאץ, "רַק עַל יְדֵי שֶׁנַּקַּח פַּטִּישׁ וּנְשַׁבֵּר וּנְפוֹצֵץ אֶת לֵב הָאֶבֶן", נָאר אֵיין וֶועג אִיז דָא וִוי אַזוֹי מִיר וֶועלְן קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן אוּנְזֶער הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר וֶועלְן נֶעמֶען אַ הַאק אוּן צֶעהַאקְן דִי הַארְץ אוֹיף פִּיצְלֶעךְ, "וְאָז נוּכַל לְהָרִים אוֹתוֹ". נָאר אַזוֹי וֶועלְן מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהַפַּטִּישׁ הוּא הַדִּבּוּר", דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן - דָאס אִיז דִי הַאק וָואס צֶעהַאקְט דֶעם שְׁטֵיינֶערְנֶעם הַארְץ, עַד כַּאן הַמָּשָׁל, וְהָבֵן.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט זִיךְ עֶר אִיז בִּבְחִינַת עֵשָׂו, עֶר אִיז פוּל מִיט עֲבֵירוֹת - טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן מְיוּאָשׁ, נָאר נוּצְן דֶעם קוֹל קוֹל יַעֲקֹב, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "זַיי מִיר מוֹחֵל", זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע רְצוֹנוֹת, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים; אַז מֶען הַאקְט מִיטְן הַאק - דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבּ; אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ - בַּאקוּמְט מֶען אַן עוֹנֶשׁ. וָואס וֶועסְטוּ טוּן אַז זִי וֶועט וֵויינֶען? דוּ וֶועסְט זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן דוּרְכְדֶעם אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): ״לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ״, מֶען זָאל זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ, ״מִתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה״, וַוייל פְּרוֹיעֶן וֵויינֶען גְרִינְגֶער, אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

זַיי עֶפֶּעס טוֹעֶם אֵיידֶער דוּ קוּמְסְט אַהֵיים, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס אוֹיבּ זִי הָאט נִישְׁט גְרֵייט פַאר דִיר עֶסְן. אוּן אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט אָפּ צוּ גֵיין עֶרְגֶעץ אוּן דוּ רֶעדְסְט אָפּ מִיט אִיר אַ צַייט וֶוען זִי זָאל זַיין גְרֵייט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס וֶוען דוּ זֶעסְט אַז זִי אִיז נִישְׁט גְרֵייט; פַאר פְּרוֹיעֶן נֶעמְט מֶער צַייט אַרוֹיס צוּ גֵיין אִין גַאס, עֶס נֶעמְט צַייט זִיךְ אָנְצוּטוּן, זִיךְ גְרֵייט מַאכְן; זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען דַיינֶע תְּפִילוֹת, עֶר וִויל דִיר גֶעבְּן גְרוֹיס עֲשִׁירוּת, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין דִי צַייט דוּ זָאלְסְט בַּאקוּמֶען עֲשִׁירוּת - וֶוערְסְטוּ אִין כַּעַס, אוּן דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע גֶעלְט. בְּעִיקָר אִין שְׁטוּבּ; דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף דַיין וַוייבּ, דוּ טְשֶׁעפֶּעסְט אִיר - דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי שֶׁפַּע.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן כַּעַס, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אַנְדֶערְשׁ וִוי אִיךְ וִויל. רַאטֶעוֶוע מִיךְ אִיךְ זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן וֵויי טוּן מַיין וַוייבּ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל וִויסְן אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּן דִיר, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט בֶּעסֶער מַאכְן אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט עֶרְגֶער מַאכְן, אַלֶעס אִיז נָאר דוּ״.

איךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ יָאג זִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ מוּז לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִין בֵּית פֵּיגָא אִיז הֲלָכָה זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע שִׁיעוּר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרַט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז אִיר לֶערְנְט גוּט הִלְכוֹת שַׁבָּת; אִין בֵּית פֵּיגָא אִיז הֲלָכָה זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע שִׁיעוּר, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף הֲלָכָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֶערנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט); נָאר אַז מֶען לֶערְנְט הֲלָכָה - וֵוייסְט מֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִיר פְרֶעגְט זֵייעֶר אַ גוּטֶע פְרַאגֶע, אוֹיבּ מֶען הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן שַׁבָּת אַ שְׁטִיקְל פְּרוּכְט אָדֶער שָׁאלַאכְטְס אִינְדְרוֹיסְן אִין חָצֵר, דָאס אִיז דָאךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם פוּן זוֹרֵעַ, אוּן אַז מֶען הוֹיבְּט אוֹיף דִי שָׁאלַאכְטְס אִיז דָאךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם פוּן מֻקְצֶה, ווִילְט אִיר ווִיסְן אוֹיבּ מֶען זָאל עוֹבֵר זַיין אוֹיף מֻקְצֶה כְּדֵי נִישְׁט עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף זוֹרֵעַ.

אִיךְ זֶע אַז אִיר הֶערְט זֵייעֶר גוּט אוֹיס אַייעֶר לֶערֶערִין אוּן אִיר פַארְשְׁטֵייט גוּט דִי הֲלָכוֹת.

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס פַאר אַ סָארְט שָׁאלַאכְטְס מֶען רֶעדְט אוּן וָואס פַאר אַ סָארְט קֶערְלֶעךְ, וַוייל שָׁאלַאכְטְס אוּן קֶערְלֶעךְ וָואס אִיז רָאוּי צוּ עֶסְן פַאר בַּעֲלֵי חַיִּים - אִיז נִישְׁט מֻקְצֶה, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם דָאס אוֹיפְצוּהֵייבְּן, אוּן אוֹיבּ אִיז דָאס שָׁאלַאכְטְס אוּן קֶערְלֶעךְ וָואס אִיז נִישְׁט רָאוּי צוּ עֶסְן פַאר בַּעֲלֵי חַיִּים - וֶוענְדְט זִיךְ; אוֹיבּ אִיז דָאס אַ גְרַף שֶׁל רֵעִי, דָאס מֵיינְט עֶס מַאכְט שְׁלֶעכְט פַאר׳ן מֶענְטְשׁ - מֶעג מֶען דָאס וַוייטֶער אוֹיפְהֵייבְּן, אוּן אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט רָאוּי פַאר בַּעֲלֵי חַיִּים אוּן אוֹיךְ

נִישְׁט קַיין גְרַף שֶׁל רֵעִי - דֶעמָאלְט טָאר מֶען דָאס נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן אַלְס מֶקְצֶה, און אַלְס זוֹרֵעַ אִיז מֶען נִישְׁט עוֹבֵר נָאר אוֹיבּ מֶען טוּט דָאס בְּכַוָּנָה.

זָאגְט תְּהִלִּים, און פְּלֶעגְט אַרַיין אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ - אִידִישׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן וואוּ צוּ וואוֹינֶען?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִי קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן וואוּ צוּ גֵיין וואוֹינֶען? אִיךְ אַלֵיינְס ווֵייס דֶען וואוּ אִיךְ דַארְף וואוֹינֶען? אִיךְ בֶּעט אַזוֹיפִיל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מִיר זָאגְן וואוּ אִיךְ זָאל וואוֹינֶען און וָואס אִיךְ זָאל טוּן, און אַזוֹי וַוייטֶער.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס מִיט אִים און שְׁמוּעֶס אוֹיס אַלֶע צְדָדִים; וואוּ דוּ וואוֹינְסְט יֶעצְט און וָואס צִיט דִיר זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן אַהִין, אַזוֹי וֶועסְטוּ ווִיסְן וואוּ דַיין פְּלַאץ אִיז.

מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה אִיז אַזוֹי ווִי דִי אוּרִים וְתוּמִים. אִין דִי צַייטְן פוּן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וֶוען מֶען הָאט גֶעהַאט אַ סָפֵק - אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם כֹּהֵן גָּדוֹל, מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי סָפֵק און עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שַׁיינֶען אוֹתִיּוֹת אוֹיפְ'ן חֹשֶׁן; אַזוֹי הָאט מֶען גֶעווִיסְט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. הַיינְטִיגֶע טֶעג וֶוען מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אוּרִים וְתוּמִים - הָאבְּן מִיר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס דִי סָפֵק מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען בֶּעט אִים: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס אִיז רִיכְטִיג, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, בַּאווַייז זִיךְ צוּ מִיר, ווַייז מִיר דִי וֶועג ווִי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ פִירְן"** - דוּרְכְדֶעם הוֹיבְּט אָן שַׁיינֶען פַארְ'ן מֶענְטְשׁ דִי וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם

לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ל, ג): "בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ" אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג, "שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ" וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין קֶענִיג, "וְלֹא נָבִיא" אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין נָבִיא, "לֹא כֹּהֵן" מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּהֵן, "וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים" אוּן נִישְׁט קַיין אוּרִים וְתוּמִים, "וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבָד" מִיר הָאבְּן נָאר תְּפִלָּה, "אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם'", אוֹיף אוּנְז בֶּעט דָּוִד הַמֶּלֶךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נֶעם אָן דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טְרַייבְּט אַרוֹיס אַלֶע נֶעגֶעטִיוְוע מַחֲשָׁבוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זָארְגְט נִישְׁט, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, טְרַייבְּט אַרוֹיס אַלֶע נֶעגֶעטִיוְוע מַחֲשָׁבוֹת. דָאס אִיז אַ וֶועג פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ אַז זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער; אַלֶע יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע מַחֲשָׁבוֹת, זֵיי פַּיינִיגְן זִיךְ אוּמְזִיסְט. אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, טְרַייבְּט אַרוֹיס דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת; אִיךְ זָאג אַייךְ אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער.

זָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וֶועט אִיר עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ סֵפֶר תְּהִלִּים, אוּן יֶעדֶע מָאל אִיר מַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיף תְּהִלִּים שְׁרַייבְּט דָאס אַרֵיין בַּיים סוֹף סֵפֶר תְּהִלִּים. וּבְנוֹגֵעַ אַז בִּיז אַהֶער הָאט אִיר נִישְׁט גֶעהַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן וְכוּ'; קוּקְט נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז אַהֶער, הוֹיבְּט אָן פוּן יֶעצְט אַ פְרִישֶׁע חֶשְׁבּוֹן.

גֵייט אַרוֹיף צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַ"א"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בֶּעטְס דָארְט אַלֶע אַייעֶרֶע בַּקָּשׁוֹת. דָארְט אִיז אַ פְּלַאץ וָואס אִיז מְסוּגָל פַּאר תְּשׁוּבָה, דָארְט קֶען

מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ, זַייט מִיךְ דָארְט מַזְכִּיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מִיט אַבִּיסְל חָכְמָה קֶען אַ פְרוֹי מַאכְן דָאס לֶעבְּן פַאר אַ גַן עֵדֶן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַ זַאךְ וָואס דַארְף נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם מַאן, ווייל וָואס אִיז דֶען הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ לֶערְנְט מֶען אֱמוּנָה, שִׂמְחָה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; דִי זַאכְן דַארְפְן נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם מַאן. אוֹיךְ רֶעדְט מֶען אַסַאךְ פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט נָאר דָארְט וואו עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם, מֶען רֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן מְוַתֵּר זַיין אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵוייטְן אוּן מַאכְן אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן אַזוֹי וַואקְסְן אוֹיף דִי קִינְדֶער גֶעזוּנְט; דִי זַאכְן דַארְף נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם מַאן, יֶעדֶער מַאן וָואלְט גֶעוָואלְט אַז זַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

אַז אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט אַייךְ אַז עֶר וִויל נִישְׁט אִיר זָאלְט זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר אוּן עֶר וִויל נִישְׁט אִיר זָאלְט זַיין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זָאלְט אִיר אִים זָאגְן: ״מַיין טַייעֶרֶער מַאן אִיךְ וֶועל טוּן דַיין ווילְן, אִיךְ וֶועל טוּן וָואס דוּ זָאגְסְט״.

עֶס שְׁטֶערְט אִים זִיכֶער נִישְׁט דִי חִיזוּק וָואס אִיר נֶעמְט פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן אוֹיךְ נִישְׁט דִי חִיזוּק וִוי אַזוֹי צוּ זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ וְכוּ׳, עֶס אִיז נָאר דִי זַאךְ וואו מֶען גֶעהֶערְט וְכוּ׳, וָואס זָאגְט מֶען פַאר חֲבֵרִים וְכוּ׳, וָואס וֶועלְן חֲבֵרִים זָאגְן אוֹיף אִים וְכוּ׳.

פַארְלִירְט אַייךְ נִישְׁט, אִיר זָאלְט שֶׁעצְן אַייעֶר מַאן אוּן אִים אַרוֹיפְקוּקְן,

אִיר זָאלְט אִים גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן. רֶעדְט נִישְׁט צוּ אִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן נִישְׁט פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, רֶעדְט צוּ אִים זַיין שְׁפְּרַאךְ, וָואס עֶר הָאט לִיבּ צוּ רֶעדְן, אוּן מִיט חָכְמַת נָשִׁים וֶועט אִיר הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

מִיט אַבִּיסְל חָכְמָה קֶען מֶען זִיךְ מַאכְן דִי לֶעבְּן פַּאר אַ גַן עֶדֶן. בִּפְרַט דִי פְרוֹי, דִי עֲקֶרֶת הַבַּיִת - זִי קֶען מַאכְן אִיר שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פַּאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז אַז אַ פְרוֹי הָאט דִי כֹּחַ צוּ מְשַׁכְנֵעַ זַיין דֶעם מַאן אוֹיף וָואס זִי ווִיל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת" עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, "וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָּנִים זֶה מִזֶּה, אָמְרוּ, 'אֵין אָנוּ מוֹעִילִים לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלוּם', עָמְדוּ וְגֵרְשׁוּ זֶה אֶת זֶה" עֶס אִיז אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט. "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת" דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי, "וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע" אוּן זִי הָאט גֶעמַאכְט אַז אִיר מַאן דֶער צַדִיק זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַ רָשָׁע. "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד" אוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע, "וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק" אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְרוֹי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה; ווִי מֶער מֶען נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה - אִיז מֶען מֶער פְרֵיילִיךְ.

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן; אַלֶעס וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אַייךְ און מִיט דִי קִינְדֶער בִּיז אַהֶער - אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט אַייךְ. אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן, נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה, חַזֶר'ט דִי וֶוערְטֶער: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי און מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז עֶר".

בִּיז דֶערְוַוייל זָאלְט אִיר וַוייטֶער נֶעמֶען דִי מֶעדִעצִין, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה.

אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ בֶּן זָכָר.

...

**נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ בֶּעטְן אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה בַּיי דִי מְזוּזָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרוּסְן פוּן בֵּית פֵיגָא שׁוּלֶע אִין יְרוּשָׁלַיִם; דָאס מֶערְסְטֶע פְרֵייט אִיךְ זִיךְ וֶוען אִיךְ הֶער פוּן דִי לֶערֶערִינְס אַז אַלֶע תַּלְמִידוֹת זֶענֶען זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, מֶען רֶעדְט נִישְׁט וֶוען דִי לֶערֶערִין רֶעדְט, מֶען לַאכְט נִישְׁט פוּן לֶערֶערִינְס, מֶען אִיז עֶרְנְסְט בַּיי דִי לִימוּדִים.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר זָאלְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען לִכְבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְ'ס טָאג; נֶעמְט זִיךְ פָאר, וֶוען אִיר גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ לֵייגְט דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה און בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי קוּרְצֶע תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק אַהֵיים קוּמֶען גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק", און וֶוען אִיר קוּמְט אַהֵיים זָאלְט אִיר לֵייגְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה און זָאגְן: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין צוּרִיק אִין שְׁטוּבּ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט"; דָאס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען, אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אַייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נִישְׁט רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ מִיט אַ שְׁטֶעךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווִי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ אוֹיבּ אִיךְ בִּין פוּן רֶבִּינְ׳ס מֶענְטְשְׁן? ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן ווִי מֶען שְׁטֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט? דֶער סִימָן אִיז אוֹיבּ עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אוּנְז.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רצב): ״הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ״, דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס וֶועט זַיין צְווִישְׁן עֶנְק; אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַזוֹי - מוּז דָאךְ אַזוֹי זַיין, אוֹיבּ אִיךְ רֶעכְן זִיךְ פַאר אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - מוּז אִיךְ לִיבּ הָאבְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָאס אִיז דָאךְ דֶער סִימָן וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז.

דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶס אִיז אַיינְגֶעפִּירְט בַּיי גֶעווִיסֶע מֶענְטְשְׁן אַז נָאנְטֶע חֲבֵרִים הָאבְּן אַ וֶועג פוּן רֶעדְן, פוּן זִיךְ שְׁטֶעכְן - דָאס אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע וֶועג, דָאס אִיז אַ עֶקְלְדִיגֶע וֶועג אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט דָאס זָאל זַיין צְווִישְׁן אוּנְז, מִיר דַארְפְן רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, מִיט כָּבוֹד אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, דוּרְךְ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע מִידוֹת.

גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זוּךְ אַ פְּלַאץ וואוּ דוּ קֶענְסְט זִיךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ רֶעדְן שֵׁיין אוּן אֵיידְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאגְן נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, וֶועט דָאס קִינְד זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָארְג נִישְׁט, דִי דָאקְטוֹרִים דֶערְשְׁרֶעקְן יֶעדְן אֵיינֶעם; לֶעצְטְנְס אִיז גֶעוָוארְן אַז זֵיי זָאגְן פַאר כִּמְעַט יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען גֵייט הָאבְּן חַס וְשָׁלוֹם אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד, אוּן בַּיים סוֹף אִיז אַלֶעס פֵּיין.

זָאג דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אוּן זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן, זִי זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי הַאלְט שׁוֹין דָא, אוּן בֶּעטְן אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין גוּט.

זָאג דַיין וַוייבּ זִי זָאל זָאגְן שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים, קוֹיף אִיר אַ סֵפֶר שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים. מוֹהֲרָ״ש זָאגְט פַאר פְּרוּוְעֶן וָואס וַוארְטְן אַז זֵיי זָאלְן זָאגְן אִין דִי חֲדָשִׁים ״שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים״ - נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב׳, סִימָן כ): ״עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע״, דוּרְכְ׳ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים - קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע.

זָאל דַיין וַוייבּ זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס אִיר גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנְוֶוינִיג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דָוִד הַמֶּלֶךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרָ״ש מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל זִי זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

״יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְגֶערְהֵייט אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ״ח אֵיבָרִים

וּשְׁסָ״ה גִּידִים; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע׳ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הִיט מִיךְ אוּן הִיט דָאס קִינְד, דִי דָאקְטוֹרִים שְׁרֶעקְן מִיךְ אָן אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט אוּן דָאס מַאכְט מִיר אַזֶעלְכֶע פְּחָדִים אַז אִיךְ הַאלְט דָאס מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיס, גֶעבּ מִיר אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אַ לִיכְטִיג קִינְד, אַ הֵיילִיג קִינְד.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ״יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי זַאךְ פוּן סֶעקִירְן דִי וַוייבּ נָאכְאַנַאנְד, אִיז אַ שִׁגָּעוֹן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים אַז דוּ הָאסְט אַ וואוֹילֶע וַוייבּ, הָאסְט אַזוֹי גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן הֶער אוֹיף זוּכְן אִיר צוּ פַארְעֶכְטְן.

דִי זַאךְ פוּן סֶעקִירְן דִי וַוייבּ נָאכְאַנַאנְד - אִיז אַ שִׁגָּעוֹן, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט אִידִישְׁקֵייט, דָאס אִיז בְּלוֹיז נֶערְוֶועְן; מֶער ווִי אֵיין מָאל דֶערְמַאנֶען זִיךְ צוּ פַארְעֶכְטְן דִי קָאפּ צוּדֶעק - אִיז שׁוֹין נֶערְוֶועְן. אַז דוּ ווִילְסְט פַארְעֶכְטְן - זָאלְסְטוּ זוּכְן אִין דִיר וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן צוּ וֶוערְן בֶּעסֶער, לָאז אִיר אָפּ; אַז דוּ וֶועסְט אִיר וַוייטֶער דֶערְמַאנֶען יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע וֶועגְן אִיר צוּדֶעק - וֶועט זַיין נִישְׁט גוּט. אַ פְרוֹי הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען זָאגְט אוּן סֶעקִירְט, בִּפְרַט בַּיי

זִיווּג שֵׁנִי. דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה גֶעהַאט, צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי; זִי אִיז דִיר גֶעטְרֵיי, זִי אִיז צוּ דִיר גוּט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זוּכְן ווִי צוּ טְרֶעפְן אַ הָאר וָואס שְׁטֶעקְט זִיךְ אַרוֹיס אִיר צוּ קֶענֶען סֶעקִירְן.

מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְדְרֵייעֶן דִי פָּנִים פוּן דִי וַוייבּ בַּיי קִידוּשׁ וְכַדוֹמֶה צוּלִיבּ אַ חֲשַׁשׁ אַז עֶס זֶעט זִיךְ אַרוֹיס אַ הָאר. אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַוֶועקְדְרֵייעֶן דַיין פָּנִים בַּיי קִידוּשׁ אוּן בַּיי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן - וֶועט זִי זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְדְרֵייעֶן פוּן דִיר וְכוּ', אוּן אַז דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֵייבְּן דַיין קוֹל, דוּ וֶועסְט שְׁרֵייעֶן - וֶועט זִי אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן דִיר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין ו:), דִי גַאנְצֶע פָּרְשָׁה פוּן פִּלֶגֶשׁ בַּגִּבְעָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַזַא מַעֲשֶׂה, פוּן וַוארְפְן אַ פַּחַד אוֹיף דִי וַוייבּ, אוֹיךְ אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ הָאר; זִי אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן אִיר מַאן נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעוָוארְפְן אַ שְׁרֶעק וְכוּ' וְכוּ'.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת; זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת קִילְט אָפּ דִי נֶערְוֶוען, עֶס מַאכְט רוּאִיג אוּן עֶס גְרַאדְט אוֹיס דִי קָאפּ אוּן מֹחַ מֶען זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי כֹּחַ הַמְּדַמֶּה, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיט שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן דֶעם מִנְיָן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד דִי טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ חֵיפָה, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיר נֶעמְט זִיךְ צוּזַאמֶען שַׁבָּת בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

אַז אִיר ווִילְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט עֶנְקֶער חַבּוּרָה אִין חֵיפָה - זָאלְט אִיר זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אֵיין זַאךְ, יֶעדֶער זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ

אוֹיסְצוּאֵיידְלֶען דִי אוֹיגְן, הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן צוּ קֶענֶען זֶען בַּיים צְוֵוייטְן נָאר גוּטְס; אַז מֶען הָאט רֵיינֶע אוֹיגְן, מֶען זֶעט גוּטְס בַּיי זִיךְ אוּן בַּיי אַנְדֶערֶע, מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ - וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין.

בְּנוֹגֵעַ וִוי אַזוֹי אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן דֶעם מִנְיָן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אִיר וִוילְט וִויסְן וִויפִיל פוּן דִי זְמִירוֹת מֶען דַארְף זִינְגֶען; דָאס אִיז נִישְׁט דֶער עִיקָר, דָאס קֶענְט אִיר מַאכְן וִוי אַזוֹי עֶס קוּמְט אוֹיס גוּט פַּאר אַייךְ; מֶען קֶען זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת, מֶען קֶען זִינְגֶען אַבִּיסְל, אָדֶער קֶען מֶען זִינְגֶען אִידִישֶׁע נִיגוּנִים; דָאס וֶועט אִיר אַלֵיינְס מַחְלִיט זַיין, דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זֶען עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין לֵצָנוּת, מֶען זָאל רֶעדְן פוּן רֶבִּי׳ן, מֶען זָאל רֶעדְן פוּן תְּפִלָּה; וֶוער עֶס הָאט אַ מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן תְּפִלָּה זָאל דָאס מִיטְטֵיילְן מִיט דִי חֲבֵרִים, אוּן וֶוער עֶס הָאט אַ מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט - זָאל עֶר דָאס דֶערְצֵיילְן.

בְּנוֹגֵעַ דִי זְמַן מוֹצָאֵי שַׁבָּת; מוֹהֲרָא״ש הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מִיר זָאלְן הַאלְטְן דִי זְמַן רַבֵּינוּ תַּם, אָבֶּער דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב קֶען מֶען שׁוֹין יָא פַּארְן זְמַן; קֶענְט אִיר אוֹיסְרֶעכֶענֶען וֶוען צוּ בֶּענְטְשְׁן אוּן דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב אַז סוֹף תְּפִילַּת מַעֲרִיב וֶועט אוֹיסְקוּמֶען בַּיים זְמַן רַבֵּינוּ תַּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, אִיז גוּט פַאר דִי קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶלְטֶערְן כַאפְּן נִישְׁט אוּן לֵייגְן נִישְׁט צוּ קָאפּ אַז וִוי אַזוֹי זֵיי פִירְן זִיךְ - אַזוֹי גֵייעֶן דִי קִינְדֶער זִיךְ פִירְן; אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ - דֶעמָאלְט אִיז גוּט פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אַז דִי עֶלְטֶערְן וֵויינֶען אוּן רֶעדְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אָפּ - וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ זַיין אַזוֹי. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פ, א):

"כְּאִמָּהּ בִּתָּהּ", אַזוֹי וְוי דִי מַאמֶע פִירְט זִיךְ - אַזוֹי פִירְן זִיךְ דִי טֶעכְטֶער; אַז דִי מַאמֶע אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע - וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיכֶע.

דָאס אִיז נוֹגֵעַ אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וְכוּ'; פוּן אֵיין זַייט אִיז טַאקֶע זֵייעֶר ווִיכְטִיג דִי מוֹסְדוֹת וָואס אִיר הָאט פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער דָא, אָבֶער אוֹיב אִיר זֶענְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ דָא - אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ יָא צוּרִיקְגֵיין וְכוּ'. ווַייל דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר קִינְדֶער אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע; אַז דִי מַאמֶע אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן - אִיז גוּט פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז נִישְׁט גוּט.

אוֹיב קֶענְט אִיר בַּאווַייזְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ דָא - אִיז גוּט, אוּן אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ - אִיז עֶנְדֶערְשׁ אִיר זָאלְט צוּרִיקְגֵיין אוּן דָארְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ ווִיסְן וואוּ צוּ וואוֹינֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, צְפַת**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת וָואס אִיר זָאגְט אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן קֶענֶען דָארְט נִישְׁט וואוֹינֶען, עֶס זֶענֶען דָא דָארְט הֶערְלִיכֶע עֶרְלִיכֶע קְהִלּוֹת, הֶערְלִיכֶע מוֹסְדוֹת; עֶס אִיז דָארְט אַ ווַאונְדֶערְלִיכֶע פְּלַאץ.

בְּנוֹגֵעַ אַז אִיר זוּכְט אַ דִירָה אוּן אִיר טְרֶעפְט נִישְׁט; דָאס בֶּעסְטֶע אִיז אִיר זָאלְט זִיךְ וֶוענְדְן צוּ הָאַבְרֵךְ שְׁלֹמֹה טֵייטְלְבּוֹים נֵרוֹ יָאִיר, עֶר וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן מִיט אַ דִירָה.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ ווִיסְן וואוּ צוּ וואוֹינֶען, עֶס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען זָאגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן, מֶען דַארְף אַסַאךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין בִּיז מֶען בַּאקוּמְט אַ קְלָארֶע תְּשׁוּבָה פוּן הִימְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי אַזוֹי מֶעג מֶען הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן פַאר דִי אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, חֵיפָה**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן פַאר דִי אַרְבֶּעט וְכוּ׳; מִיט דִי דְרֵיי תְּנָאִים אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם: עֶרְשְׁטְנְס, עֶס זָאל זַיין גֶעפִילְטֶערְט. צְוֵוייטְנְס, נוּצְן דִי וַואטְסעֶפּ נָאר פַאר בִּיזְנֶעס. דְרִיטְנְס, דָאס אִיבֶּערְלָאזְן אִין אָפִיס; אַז דוּ קֶענְסְט דָאס בַּאוַוייזְן - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

זֵייעֶר אַסַאךְ זָאגְן, מִיר דַארְפְן הָאבְּן דִי טֶעלֶעפָאן פַאר דִי אַרְבֶּעט, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן וָואס זֵיי טוּעֶן מִיטְן טֶעלֶעפָאן אוּן וִויפִיל צַייט גֵייט אַוֶועק נָאר פַאר נַייעֶס, אוּן נָאר פַאר קוּקְן סְטֶעטוּס, נָאר דָאס אוּן נָאר יֶענְץ - קוּמְט אוֹיס אַז דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אַרְבֶּעט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. דַיינֶע סְפָרִים זָאלְסְטוּ יָא אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ, אוּן דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה דָאס זָאלְסְטוּ אַהֵיים בְּרֶענְגֶען, אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי אַזוֹי דִי מוֹסְדוֹת הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹתֵינוּ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר שִׁיקְן דִי רֶעקָארְדִירוּנְג ווי דֶער מְלַמֵּד פְלַאנְצְט אֵיין אֱמוּנָה אִין דִי טְבֶרְיָ׳ חֵדֶר. אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי

רֶעקָארְדִירוּנְג, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ פַאר דִי קִינְדֶער אַז זֵיי הָאבְּן אַ מְלַמֵּד וָואס פְּרֶעגְלְט אַרַיין אִין זֵיי אֱמוּנָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן מִיר שְׁטֵיין צוּ מַיין רֶעכְטֶע הַאנְט אוּן פַארְן בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים אִין צַייט, אוּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין אַמֶערִיקֶע פַאר דְרַייצְן יָאר צוּרִיק, אִסְרוּ חַג פֶּסַח הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג מִיט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת, אִיךְ מֵיין צוּ זָאגְן בִּזְיוֹנוֹת פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן מִיר, נִישְׁט גֶעלַאכְט שְׁטִילֶערְהֵייט - נָאר אוֹיפְן קוֹל, אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס פַאר אַ חוֹזֶק מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען; עֶפֶּענֶען אַ חֵדֶר מִיט אַפָּאר קִינְדֶער...

וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן מוֹהֲרָא"ש אוֹיבּ מֶען זָאל אַרַיינְשִׁיקְן דִי קִינְדֶער, הָאט מוֹהֲרָא"ש בְּרֹב חָכְמָתוֹ גֶעעֶנְטְפֶערְט ווִי אַזוֹי מֶען הָאט גֶעוָואלְט הֶערְן; פַאר אֵיין מִשְׁפָּחָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אַוַודַאי זָאלְט אִיר אַרַיינְשִׁיקְן דִי קִינְדֶער", אוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט מִיט אַ לָשׁוֹן ווִי מֶען וואוּנְדֶערְט זִיךְ: "וָואס? עֶס אִיז בִּכְלַל אַ חֵדֶר?"

הַיינְט וֶוען אִיךְ קוּק צוּרִיק לוֹיבּ אִיךְ אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַ חֵדֶר וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, תְּפִלָּה, קְדוּשָּׁה וְכוּ' וְכוּ'.

בְּלַייבּ שְׁטַארְק, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם.

זֶע צוּ כַאפְּן כְּסֵדֶר בִּילְדֶער, וַוייל נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ פַארְגֶעסְן ווִי אַזוֹי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעען דִי אָנְהוֹיבּ. עֶס וֶועט זַיין מוֹסְדוֹת אִין גַאנְצְן לַאנְד, וֶועסְטוּ קֶענֶען דֶערְצֵיילְן וַוייזְן ווִי אַזוֹי מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַארְוָואס רֶעדְט מֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף אוּנְז? וָואס קֶען מֶען טוּן אַז עֶס אִיז דָא לָשׁוֹן הָרָע אוּן הוֹצָאַת שֵׁם רַע? דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "מֶען קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן אוֹיף אִים קְרִיגְט מֶען, אוּן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט - קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ" - זָאגְט דֶער רֶבִּי, "דָאס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר".

אַזוֹי מוּז עֶס גֵיין, אַזוֹי גֵייט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער אָדְל וֶוען זִי הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַ שְׁרֶעק פוּן אַ חָלוֹם, וִוי אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעמַאכְט אַן אוֹיפְשְׁטַאנְד קֶעגְן אִיר טַאטֶע - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי. מֶען הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז מֶען גֵייט נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן אִין שׁוּל, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶע'שׁוּרָה'ט אוּן זִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט הַאנְט בַּיי הַאנְט, אַז וֶוען דֶער רֶבִּי קוּמְט - וֶועט מֶען אִים נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן.

זִי חָלוֹמְ'ט זִיךְ וַוייטֶער וִוי דֶער רֶבִּי קוּמְט אַרַיין אִין שׁוּל אוּן אַלֶע שְׁטֵייעֶן הַאנְט בַּיי הַאנְט, זֵיי כַאפְּן זִיךְ אָן פֶעסְט, אוּן וִוי נָאר דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ טְרֶעט אַ טְרִיט נֶענְטֶער אוּן קוּמְט אָן צוּ דִי עֶרְשְׁטֶע שׁוּרָה - עֶפֶּענֶען זֵיי אוֹיף אוּן דֶער רֶבִּי גֵייט שֵׁיין אַרִיבֶּער, אוּן דִי שׁוּרָה פוּן הִינְטֶער זֵיי רֶעגְן זִיךְ פַארְוָואס מֶען הָאט אַרִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי שְׁמוּעֶסְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט אַרִיבֶּערְלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶּער וִוי דֶער רֶבִּי קוּמְט נָאנְט צוּ זֵיי - עֶפֶּענֶען זֵיי דִי בְּלָאקַאדֶע.

אָדְל וֶועקְט זִיךְ אוֹיף מִיט אַ שְׁרֶעק אוּן לוֹיפְט צוּ רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל אִיר פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין. זָאגְט אִיר רֶבִּי נָתָן: "אַזוֹי גֵייט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, מֶען זֶעט נָאר אֵיין טְרִיט, מֶען זֶעט נִישְׁט דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טְרִיט".

וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים אַלֶע שְׁלֶעכְטֶס, בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים זֶענֶען לְלַעַג וּלְקֶלֶס; אַזוֹי מוּז דָאס גֵיין.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ז', מִזְבּוּב וְעַכְּבִישׁ) וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט אַז זַיין נְשָׁמָה זָאל אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דֶער נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי אוּן זוּךְ דִיר אַן עֵצָה". אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקֶן אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה", דִי עֵצָה פוּן לַאכְן, דִי עֵצָה פוּן שְׁפֶּעטְן.

דִיר בֶּעט אִיךְ, עֶנְטְפֶער נִישְׁט אוּן גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין וִויכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם, אוּן אַז דוּ אַלֵיינְס בִּיסְט צֶעמִישְׁט - זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, ווַייל אַזוֹי וִוי אִין אַ בִּיזְנֶעס אִיז דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן אַ רוֹאֶה חֶשְׁבּוֹן, אַ בּוּכְהַאלְטֶער; עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶען מַאכְט גֶעלְט, מֶען אִיז מַרְוִיחַ, אוּן נָאר דֶער רוֹאֶה חֶשְׁבּוֹן ווֵייסְט דִי קְלָארֶע פַאקְטְן, אוֹיבּ מֶען אִיז דָא מַרְוִיחַ אָדֶער מֶען דֶערְלֵייגְט, אַזוֹי אִיז בְּרוּחָנִיּוּת; עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶען לֶערְנְט, מֶען דַאוֶונְט, אָבֶער נָאר מִיט הִתְבּוֹדְדוּת קוּמְט אַרוֹיס דִי קְלָארֶע פַאקְטְן; אַזוֹי אוֹיךְ דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וֶוערְט מֶען קְלָאר וָואס אִיז גוּט אוּן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט.

בְּקָרוֹב וֶועלְן מִיר עֶפֶענֶען דֶעם נֵייעֶם שְׁטֶעטְל, דָאס אִיז אַבִּיסְל ווַייטֶער פוּן דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁטֶעטְל. מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן, וָואס גֵייט דָא פָאר? פַארְוָואס דַארְף מֶען שׁוֹין גֵיין צוּ אַ נֵייעֶ גֶעגֶענְט? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז פָּשׁוּט, דִי שְׁכֵנִים ווִילְן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט פַאר דִי הַייזֶער, זֵיי זֶעעֶן אִידְן קוּמֶען - וִוילְן זֵיי מַאכְן אוֹיף אוּנְז גֶעלְט, אִיךְ ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען דִי פְּרַייזְן; מִיר אִיז גוּט צוּ גֵיין אִין אַ פְרִישֶׁע גֶעגֶענְט.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲנוּכָּה וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ חֲנֻכַּת הַבַּיִת פַאר דִי נֵייעֶ חֵדֶר, אִיךְ לַיידְן אַיין אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת, דִי חֲנֻכַּת הַבַּיִת וֶועט פָארְקוּמֶען אִינֶעם בִּנְיַן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה. דִי מְסִבָּה וֶועט זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ סְעוּדַת הוֹדָאָה אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, אַז מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַ חֵדֶר אוּן אַ סְקוּל וואו מֶען לֶערְנְט אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָׁה, מֶען לַאכְט נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן.

אִיךְ טְרַאכְט אַלְץ פוּן דִי נֵס אַז מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט עֶפֶענֶען אַ מוֹסָד פַאר זֵיי, אַזוֹי הָאבְּן מַיינֶע קִינְדֶער אַ רֵיינֶע חִינוּךְ. אָפְּהִיטְן זָאל אִיךְ זַיין אוֹיבּ וָואלְטְן מַיינֶע קִינְדֶער נִישְׁט גֶעוָוארְן אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן, וָואלְטְן זֵיי מִן הַסְּתַּם הַיינְט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט מִיר, זֵיי וָואלְטְן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַז זֵיי זֶענֶען קִינְדֶער פוּן מִיר. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט דִי קִינְדֶער פוּן דִי מְפִיצִים וד"ל.

דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר גֶעטְרֵיי פַאר אוּנְז, מֶען גְרֵייט זִיךְ יֶעצְט צוּ קוֹיפְן נָאךְ אַפָּאר בִּנְיָנִים פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר פַאר דִי חֵדֶר אוּן סְקוּל, וַוייל ווִי עֶס זֶעט יֶעצְט אוֹיס וֶועלְן דִי צְוֵויי בִּנְיָנִים זַיין גוּט פַאר דִי יָאר, אָבֶּער קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶועט דָאס שׁוֹין זַיין קְלֵיין אוּן אוֹיסְגֶעוַואקְסְן.

אוֹיךְ וֶועט זַיין דִי מְסִבָּה אִינְאֵיינֶעם מִיט סִיוּמִים; אִינְגֶעלַייט, בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער וֶועלְן עֶנְדִיגְן שַׁ"ס אוּן מַסֶכְתּוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן - קוּמְט מֶען נִישְׁט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, יֶעדֶער בְּרֶענְגְט אַ סִיוּם. מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט אִין אוּמַאן דִי יָאר בַּיים לֶעצְטְן מְלַוֶה מַלְכָּה אַ מַעֲמָד סִיוּמִים, ווִי בָּחוּרִים, אִינְגֶעלַייט אוּן קִינְדֶער הָאבְּן מְסַיֵים גֶעוֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער זַיינֶע סִיוּמִים, יֶעצְט שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִיז דָאךְ אוֹיךְ אַ צַייט וָואס מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר מַאכְן דִי מַעֲמָד סִיוּמִים אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי סְעוּדַת הוֹדָאָה אוּן חֲנֻכַּת הַבַּיִת.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר, אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער וָואס דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּט אַ גַן עֵדֶן לֶעבְּן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ מֵרִיחוּק מָקוֹם וּמְקֵירוּב הַלֵּב אַ בְּרָכַת מַזָל טוֹב פַאר דִי חֲתוּנָה פוּן אַייעֶר טָאכְטֶער תִּחְיֶ׳ מִיטְן חָתָן מְנַחֵם לְמִשְׁפַּחַת גְרוֹמַן. אַייעֶר מְחוּתָּן הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע אַיינְלַיידֶענוּנְג צוּ דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען, וואוּנְטְשׁ אִיךְ אַייךְ אַ בְּרָכָה פוּן טִיפְן הַארְצְן: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאגְלִיקְן מִיט נַחַת דִקְדֻשָּׁה פוּן דֶעם קִינְד און פוּן אַלֶע קִינְדֶער, אִיר זָאלְט זַיין נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ".

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּ דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, חֲנוּכָּה אִיז טֶעג פוּן דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם פוּן גַן עֵדֶן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב): "כִּי זֶה עִקָּר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא - לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל יִתְבָּרַךְ וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ" דָאס אִיז דֶער תַּעֲנוּג פוּן עוֹלָם הַבָּא - צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים לוֹיבְּן, וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז עֶר און עֶר אִיז אַלֶעס, "שֶׁעַל יְדֵי זֶה סְמוּכִים וּקְרוֹבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", אַזוֹי אִיז מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי כָּל מַה שֶּׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר", וַוייל וִוי מֶער מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין - "סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר", אִיז מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים.

יֶעצְט אִין דִי צַייט פוּן דִי שִׂמְחָה זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין דִי זַאךְ פוּן לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל, פוּן לוֹיבְּן און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל דֶער וָואס דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער לֶעבְּט אַ גַן עֵדֶן לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נִישְׁטָא אַ גֶעווִיסֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף זַיין שַׁבָּת חֲנוּכָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

נִישְׁטָא אַ גֶעווִיסֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף זַיין שַׁבָּת חֲנוּכָּה; בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז מֶען גֶעקוּמֶען דְרֵיי מָאל צוּם רֶבִּי'ן: רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶעבְּט, הַיינְט נָאכְן הִסְתַּלְקוּת פוּן רֶבִּי'ן, גֵייט אָן נָאר דִי זַאךְ פוּן קוּמֶען קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - דַארְף מֶען נִישְׁט פָּארְן קַיין אוּמַאן.

גֵיי הֲפָצָה, בְּרֶענְג אַרַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל אִין יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִיפִיל צַייט גֵייט דִיר אַוֶועק אַ טָאג פוּן קוּקְן נָאר דָאס אוּן נָאר יֶענְץ?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס הָאסְטוּ פוּן טַעְנָה'עָן מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם? אַ שָׁאד דִי צַייט; אִין דִי צַייט קֶענְסְטוּ אַרַיינְכַאפְּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אַ בְּלַאט גְמָרָא, אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים. אַ שָׁאד צוּ טַעְנָה'עֶן, אַ שָׁאד וִיכּוּחִים; יֶענֶער וֶועט נִישְׁט טוֹישְׁן זַיין מֵיינוּנְג פַאר דִיר, אִיז פַארְוָואס זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענֶען דַיינֶע טֶעג מִיט קוּקְן וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט?

ווִיפִיל צַייט גֵייט דִיר אַוֶועק אַ טָאג פוּן קוּקְן נָאר סְטֶעטוּס אוּן נָאר דָאס אוּן נָאר יֶענְץ? ווִיפִיל צַייט פַארְלִירְסְטוּ אִין אַ טָאג, אִין אַ וָואךְ... דוּ בִּיסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין קִינְד, דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְוַואקְסְן, לָאז אָפּ דִי

קִינְדֶערִישֶׁע נַארִישֶׁע זַאכְן. נֶעם אַ זֶעקְל סְפָרִים, נֶעם עֶס מִיט דִיר, "חֲטוֹף וְאֱכוֹל", כַאפּ אַרַיין נָאךְ תּוֹרָה, "חֲטוֹף וְאִישְׁתֵּי" כַאפּ אַרַיין נָאךְ תְּפִלָּה, "דְּעָלְמָא דְּאָזְלִינָן מִינֵיהּ כְּהִלּוּלָא דָּמִי" (עֵירוּבִין נד.), וַוייל דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי וִוי אַ חֲתוּנָה, וֶוער עֶס כַאפְּט אַרַיין עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען בַּיי דִי חֲתוּנָה - דֶער אִיז זַאט, אוּן וֶוער עֶס עֶסְט נִישְׁט - דֶער בְּלַייבְּט הוּנְגֶערִיג; אַזוֹי אִיז דִי וֶועלְט, וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין - דָאס הָאט מֶען; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מִשְׁנָה, גְמָרָא, וְכוּ' - דָאס בְּלַייבְּט, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג נַאכְט אִיז שׁוֹין חֲנוּכָּה; גְרֵייט זִיךְ אָן אַ מְנוֹרָה פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן מַאךְ שׁוֹין פְּלֶענֶער מִיט דַיין אַרְבֶּעט זֵיי זָאלְן דִיר לָאזְן אַהֵיים קוּמֶען צִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. מֶען מוּז זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּבּ, חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס דֶער טַאטֶע פְּלַאנְצְט קְדוּשָּׁה מִיט אֱמוּנָה אִין זַיינֶע קִינְדֶער. קְלֵיינֶע קִינְדֶער אַז מֶען הַאלְט זֵיי אוֹיף שְׁפֶּעט - וֶוערְן זֵיי מִיד אוּן זֵיי הַאלְטְן נִישְׁט מִיט. אַז מֶען אִיז צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּבּ, זֶעקְס אַזֵייגֶער - דֶעמָאלְט קֶען מֶען הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע צַייט מִיט דִי קִינְדֶער; זִינְגֶען, טַאנְצְן אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְן פוּן דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פַאר אַ יוֹם טוֹב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, גֶעבּ אַכְטוּנְג; פִיר זִיךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט סַבְלָנוּת, מִיט רוּאִיגְקֵייט. כַּעַס זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ אוֹיף דַיין וַוייבּ, מִיט אַ וַוייבּ דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן זֵייעֶר אֵיידְל, מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין.

נָאךְ אַ זַאךְ, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ רֶעדְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי

שְׁלוֹמֵינוּ. עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם וָואס הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן מִיט אַפָּאר וֶוערְטֶער קֶען מֶען יֶענֶעם מַמָּשׁ מְחַיֶּ׳ זַיין, אוּן דָאס שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ זֶעלְבְּסְט; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קפד) אַן עֵצָה צוּ וֶוערְן שְׁטַארְק - אַז מֶען שְׁטַארְקְט אַ צְוֵוייטְן.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג נַאכְט צִינְדְן מִיר שׁוֹין אָן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט. עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט דוּרְכְלֶערְנֶען הִלְכוֹת חֲנוּכָּה, כָאטְשִׁיג מְחַבֵּר רְמָ״א, דִי פָּאר סִמָּנִים (תר״ע - תרפ״ה) - זָאלְסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן פַאר יֶעדְן יוֹם טוֹב; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּ הֲלָכָה (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט; קפה).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גַאנְץ שַׁבָּת זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, זִינְג אוּן טַאנְץ, אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ כַּעֲסְ׳ן.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן מח) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (שְׁמוֹת לה, ג): ״לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת״, מֶען זָאל נִישְׁט אָנְצִינְדְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ דֶעם אֵשׁ הַכַּעַס; מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט כַּעֲסְ׳ן שַׁבָּת, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן שַׁבָּת, נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת.

וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן שַׁבָּת - אַזוֹי וֶועט זַיין דִי גַאנְצֶע וָואךְ, אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת - וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ חֲנוּכָּה; זוּנְטָאג נַאכְט צִינְדְן מִיר שׁוֹין אָן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן שַׁבָּת.

...

**דֶער עִקָּר אִיז טוּן דִי מִצְוֹת מִיט אַ שִׂמְחָה, מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ד כִּסְלֵיו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט צִינְדְט מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע לִיכְט, גְרֵייט זִיךְ אָן צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּב בַּיים זְמַן; וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ אוֹיף אוּן אוֹיסְגֶערוּט.

דִי מְנוֹרָה זָאלְסְטוּ לֵייגְן בַּיי אַ טִיר אִין שְׁטוּב אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט אַנְטְקֶעגְן דִי מְזוּזָה, אָדֶער בַּיים פֶענְסְטֶער צוּם גַאס.

מִיר פִירְן זִיךְ אָנְצוּטוּן בִּגְדֵי שַׁבָּת, אוּן אַז מֶען קֶען גֵיין אִין מִקְוֶה - אִיז גָאר גוּט.

וְהָעִקָּר זָאלְסְטוּ צִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט אַ שִׂמְחָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה" וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, "זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו" - אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז גַאנְץ מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס וַוייזְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט לִיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז דֶער עִיקָּר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלֵייגְן, צוּ טוּן דִי מִצְוֹת מִיט אַ שִׂמְחָה, מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט.

אִינְגֶעלַייט פְרֶעגְן מִיר: "וֶוען אִיז דָא צַייט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת בַּיי דִי לִיכְט? מֶען אִיז דָאךְ פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, יֶעדֶע רֶגַע אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן קִינְד, דֶער זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן דֶער צְוֵוייטֶער זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין פֵייעֶר, אוּן בִּכְלַל, מֶען דַארְף דָאךְ רֶעדְן צוּ זֵיי וְכוּ׳"; שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער גֵייעֶן שְׁלָאפְן קֶען מֶען זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן בַּיי דִי לִיכְט אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְבֶּעטְן, אוֹיךְ קֶען מֶען אִינְמִיטְן זִינְגֶען אוּן אִינְמִיטְן זַיין פַארְנוּמֶען - זִיךְ אַרוֹיסְכַאפְּן נָאךְ אַ וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

**אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן דִי מִצְווֹת פְרֵיילִיךְ, וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי מִצְווֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר. גֶעבּ זִיךְ אַ בַּארֶעכְן וָואס גֵייט פָאר מִיט דִיר, וְוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ דִיר, מַאךְ זִיךְ אַ שְׁנֶעלֶע חֶשְׁבּוֹן, וְויפִיל בִּיסְטוּ שׁוּלְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע חֲסָדִים... וְויפִיל מִיר וֶועלְן דַאנְקֶען - וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען גֶענוּג דַאנְקֶען פַאר זַיינֶע חֲסָדִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה", דִי חֲנוּכָּה טֶעג אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֶסֶד וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, אוּן וְוי מֶער מֶען דַאנְקְט אִים, וְוי מֶער מֶען לוֹיבְּט אִים - וֶוערְט מֶען מֶער נֶענְטֶער צוּ אִים.

וֶוען דוּ צִינְדְסְט דִי מְנוֹרָה - צִינְד מִיט שִׂמְחָה; מַאךְ נִישְׁט קֵיין נֶערְווֶען מִיט קֵיין לַחַץ, אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ דָאס מֶערְסְטֶע פַארְלֵייגְן. גֶעדֶענְק, גָארְנִישְׁט מוּז זַיין, גָארְנִישְׁט דַארְף זַיין, נָאר אוֹיף אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת - אוֹיף שִׂמְחָה; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה.

אַוַדַאי דַארְף מֶען מַקְפִּיד זַיין אוֹיף הֲלָכָה, צוּ צִינְדְן אִין צַייט בַּיים זְמַן, אָבֶּער אַז מֶען קוּמְט אַהֵיים אוּן זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גְרֵייט - טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס, שְׁלָאגְן אוּן שְׁרֵייעֶן. אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן דִי מִצְווֹת פְרֵיילִיךְ - וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער לִיבּ הָאבְּן דִי מִצְווֹת, זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי מִצְווֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי זְמִירוֹת אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, אָבֶּער נָאר אַז דָאס אִיז אָן נֶערְוְועץ, מֶען טָאר נִישְׁט צִיפְּן דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זִינְגֶען נִישְׁט מִיט, מֶען קֶען נִישְׁט און מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן פוּן דִי מִצְווֹת אַ צַייט פוּן שְׁלָאגְן און טֶערָארֶעזִירְן, עֶס דַארְף זַיין מִיט אַ שִׂמְחָה וְדַ״ל.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פֵּאִיר קִינְדְלֶער

## צְדָקָה בַּאשֶׁעֶוועט מֶען זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן

עֶס טוּט זִיךְ אַ רֶבִּי׳שֶׁע חֲתוּנָה, עֶס קוּמֶען צוּ פָארְן גְרוֹיסֶע רֶבִּי׳ס אוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מַאכְט חֲתוּנָה אַ טָאכְטֶער מִיט אַן אֵיינִיקֶל פוּן רֶבִּי׳ן, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל, אַ זוּן פוּן שָׂרָה דֶעם רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער.

אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי חֲתוּנָה. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶע חֲתוּנָה, אַ לֶעבֶּעדִיגֶע חֲתוּנָה; אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים טַאנְצְן אִינְאֵיינֶעם.

אִינְמִיטְן דִי חֲתוּנָה זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל מֶען זָאל רוּפְן רֶבִּי נָתָן, עֶר וִויל מִיט אִים רֶעדְן. דֶער צַדִּיק פְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: ״זָאגְט מִיר, אֶפְשָׁר הָאט אִיר עֶפֶּעס גֶעהֶערְט פוּן אַייעֶר גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן, עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוֹיף חוֹלִי נוֹפֵל? וַוייל אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער לַייְדְן אוֹיף דִי מַחֲלָה, עֶס פַּאסִירְט בַּיי אִים אַז פְּלוּצְלוּנְג פַּאלְט עֶר אַרָאפּ




"אוֹיבּ אַזוֹי וֶועלְן מִיר גֶעבְּן מֶער צְדָקָה!"

אוּן עֶס וַוארְפְּט זִיךְ אִים דֶער גַאנְצֶער גוּף, בִּיז עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּ זִיךְ"; דֶער צַדִיק בֶּעט רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל אִים עֶפֶּעס זָאגְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

רֶבִּי נָתָן עֶנְטְפֶערְט גְלַייךְ: "יָא אַוַדַאי, דֶער רֶבִּי הָאט אַן עֵצָה! דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פָּסוּק פִּ'זַּר נָ'תַן לָ'אֶבְיוֹנִים אִיז 'נֶפֶל', אַז מֶען טֵיילְט אוֹיס גֶעלְט פַאר אָרֶעמֶעלַייט – וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי מַחֲלָה".

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל: "אוֹיבּ

אַזוֹי דַארְפְן מִיר פוּנְדַאסְנֵיי אָנְהוֹיבְּן טֵיילְן צְדָקָה". וַוייל דֶער צַדִיק פְלֶעגְט טֵיילְן גְרוֹיסֶע צְדָקוֹת, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַסַאךְ בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִיקִים, אָבֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נָתָן דִי עֵצָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי אָנְהוֹיבְּן גֶעבְּן מֶער צְדָקָה".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיךְ קִינְדֶער קֶענֶען גֶעבְּן צְדָקָה; אוֹיבּ מֶען הָאט אַ גוּטֶע נַאשׁ אוּן אַ צְוֵוייטֶער קִינְד בֶּעט אוּן מֶען גֶעבְּט אַבִּיסְל פוּן דִי גוּטֶע נַאשׁ – אִיז דָאס צְדָקָה, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אוּן אַז מֶען טוּט דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה – וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן; סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סֵיי בְּרוּחָנִיוּת, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.